# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 10 (העפט 129) עלפטער יארגאנג אקטאבער 1950 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:


| | | |
|---|---|---|
| א לעצטע אחריות............... | ** | 1 |
| יידיש.................................. | משה עובד | 4 |
| משה עובד (צייכענונג).......................... | לעא קעניג | 5 |
| סך־הכלען און אויסבליקן........................ | דר. יעקב י. מייטליס | 6 |
| די שיינע שבעה (המשך פון ראמאן)...................... | לעא קעניג | 10 |
| סעפטעמבער לידער.......................... | א. נ. שטענצל | 17 |
| דער נצחון (פראגמענט פון א דראמע)............ | מאריס קאץ | 23 |
| אביגדור המאירי.............................. | שלמה אויערבאך | 26 |
| אברהם סוצקעווער (ליד).......................... | י. ל. פיין | 29 |
| „אומלעגאלע יידן שפאלטן ימים" (רעצענזיע)............ | י. ה. לעווי | 30 |
| אן אוצר פון יידישן גייסט......................... | אליהו פאלושאק | 37 |
| עולים פון ווייטן אפגאניסטאן.......................... | ש. ערנסט | 41 |
| שלמה המלך אויף זיין וואנדער וועג (פאלקלאר).... | יחזקאל נח ערלעכמאן | 42 |
| קולטור, קונסט, טעאטער און געזעלשאפטלעכקייט (נאטיצן)........ | ש. | 44 |
| לאנדאנער יידישע שרייבער (פאטא)............................ | | 45 |
| מוזיק (בילד).............................. | יצחק אמיתי | 46 |
| דעם בעל־שם־טוב'ס טאכטער (בילד)................. | יאנקל אדלער | 47 |
| מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס.......... | | 48 |


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנענטס־פרייז:—19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד:—5 דאלאר א יאר

1/9 פאר א פראבע נומער

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

# CAMEO CORNER

## ALMANAC OF JEWELS

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

## LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

## א צאתכם לשלום פאר א קאלעגע

מאריס קאן, וועלכער איז געשטאנען א סך יארן נאנט צו אונזער קולטור־ארבעט, ווינטשן מיר צו זיין אפפאר קיין אמעריקע א פאר געזונט און א גליקלעך לעבן, און בעיקר, ער זאל אין זיין נייער היים אנגיין מיט זיין דראמאטישער ארבעט מיט גרויס דערפאלג.

„לשון און לעבן“.

## די זינגערין חנה מעצגער

די בארימטע און באליבטע לאנדאנער זינגערין חנה מעצגער און איר מאן דער באקאנטער קלאוויר־שפילער פאול ליכטנשטערן פארן אפ דעם חודש אויף א טורנע קיין בעלגיע, ווי זיי וועלן אויפטרעטן אויף קאנצערט מיט יידישע און העברעאישע לידער. מיר זיינען זיכער אין זייער גרויסן דערפאלג און מיר ווינטשן זיי א מזלדיקע נסיעה.

---

הארציקסטע ווינטשן צום נייעם יאר צו אלע פריינט און חברים אין לאנדאן, פאריז, ניו יארק און ישראל.

פאמיליע **פאדאלסקי**.

---

**אליהו, גיטעלע און יוליא פאלושאק** ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט דא אין ענגלאנד, אין פוילן, דענעמארק און שוועדן, אין מדינת ישראל, אמעריקע און אויסטראליע, אומעטום, ווו זיי זענען, א געזונט און מזלדיק יאר.

---

איך ווינטש א גוט און געזונט נייע יאר מיין שוועסטער און שוואגער אין ציריך, מיין ברודער מיט זיין פרוי און קינדער אין ניו יארק, מיין משפחה אין מדינת ישראל, אין פאריז און די גאנצע משפחה און אלע מיינע פריינט אין לאנדאן.

רחל מירסקי.

---

**ב. בלום** און פרוי ווינטשן זייערע קינדער דא אין לאנד, משפחה און פריינט מעבר־לים, חברים פון „פריינט פון יידיש לשון“ און די רעדאקציע פון „לשון און לעבן“ א שנת חיים ושלום.

---

## לעקציעס איבער יידישער געשיכטע און איבער יידישער ליטעראטור

לעקציעס וועלן פארקומען צוויי מאל אין דער וואך, מאנטאג און דאנערשטאג, 7.30—9.30 אין אוונט. זיי וועלן געהאלטן ווערן אין יידיש. דער אנפאנג פון קורס, דאנערשטאג, דעם 5־טן אקטאבער 1950, 7.30 אוונט. פארן באטייליקן זיך אין דעם גאנצן קורס 6 שילינג, פארן גאנצן יאר

☆ א ביליג צוגענגליכער קאנטין אויבן ארט ☆

אנפראגן ביי מיס ראמזעי, מ.ב.ע., ב.א., פרינציפל פון

FAIRCLOUGH ST. L.C.C. INSTITITUTE

BERNER STREET, LONDON, E.1.

צווישן 9—5 אין אוונט. טעלעפאן: ראיאל 1650

*Telephone*: ROYAL 1650

TOWER HAMLETS LIBRARIES

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 10 (העפט 129) | עלפטער יארגאנג | אקטאבער 1950 לאנדאן

## א לעצטע אחריות...

1

אונזער יידישער ישוב, דא אין ענגלאנד, איז דער גייסטיק־פארלאזנסטער אויף דער יידישער וועלט־מאפע; דער ישוב דא האט, דאכט זיך, נישט ארויסגעגעבן פון זיך א פערזענלעכקייט, וואס זאל באמת ראוי זיין, צו זיין פארטרעטן אין אונזער גרויסער יידישער געשיכטע, א חוץ אפשר מיט איינציקן אויסנאם, מיט דעם נאמען משה מאנטעפיורא. א צעפיצלטער ישוב מיט א סך גרויסע מיטלמעסיקייטן. אפילו דער „דזשודאאיזם“ ווי דער סוחרישער אונטערנעמונג־„גייסט“ איז אויך מער א דייטש־יהודימשער — נישט זייער אריגינעל . . .

און אונזער יידיש־ריידנדיקער קליינער קיבוץ, מיט די פאר שעפערישע יחידים, געהערט אויך נישט צו די שפיצן פון אונזער שעפערישקייט! און דאס איז דאך גאנץ נאטירלעך: פון שטיקלעך יתור, פון ביליקן אפפאלעכץ פון שער און איזן, נייען זיך נישט אויף די פארנעמסטע בגדים . . .

דאס זיבן מיליאניק מזרח־יידנטום, מיט זיין איינגעווארצלטן זאפטיקן שטייגער לעבן, מיט זיין הארעפאשנעקייט און יוסטער בעל־הבתישקייט האט געקענט ארויסגעבן פון זיך אזעלכע ריזן ווי א מענדעלע, א פרץ, א שלום עליכם; אין דער שעפערישער שפע האבן זיך געקאנט כאוועז און צייטיקן אזעלכע יונגע דעמבעס ווי אש, ווייסענבערג, יונה ראזענפעלד, דוד בערגעלסאן, א ביאליק, א בערדיטשעווסקי.

די אקומולאציע פון טויזנט יאר גייסטלעכקייט און חקירה האט געשאפן די „חכמת ישראל“ און די יידישע גייסטיקייט; און נאך אין די לעצטע צוויי דורות, פונם אפפאלעכץ פון די רביישע טישן — דער יידישער רענעסאנס, די מאדערנע יידישע קולטור. „אויב נישט נאך העכער“!

די צעקנייטשטע בית־מדרש־באנק פון איין זייט, א צעפאלדעוועטע מיט עמקות און חריפות און די ערלעכע הארעפאשנע ארעמקייט אונזערע, פון דער אנדערער זייט, — פון די מעמקימדיקסטע טיפענישן, שטאלץ און דראענדיק, מיט אויפגעהויבענעם קאפ, האט זיך אויך געקאנט אויסטראגן, אין משך פון צוויי דורות, אזא נאציאנאל־סאציאלע און עטיש־עסטעטיש מאדערנע דיכטונג, אנגעהויבן מיט פרוג און אברהם רייזין.

עס איז אויך נישט גאנץ מעשה נסים, וואס אן אפאטאשו, א לייוויק, א גלאטשטיין און צענדליק אנדערע שעפערישע טאלאנטן, האבן צעפאכעט זייערע פליגל אויף יענער זייט אקעאן — א קוואנטיטעט פון א 5.000.000 יידן, כן ירבו,

מוזן אַקומולירן אין קוואַליטעט. און מיט זעלבן נאַטירלעכן גאַנג גייט עס אָן אין אַלע אַנדערע אַמעריקאַנישע שטאַטן און אין קלענערע יידישע זיך איצט בויענדיקע מקומות.

און ערשט אין ישראל! ווו אונזער גאַנץ דאָברי־מזל האָבן מיר שוין באַלד דאָרט און מיט די לעצטע כוחות, ווילן מיר נאָך זוכה זיין אונזערע געבליבענע רעשטלעך דאָרטן אַהינצוברענגען.

דאָס קלענסטע פינטעלע זענען מיר דאָ אויף דער יידישער מאַפּע, אָבער דאָס ביסעלע וואָס שאַפּט זיך יאָ דאָ, טראָץ אַלעם, און וואָס איז אין דעם זעקס צענדליק יאָרן דאָ געשאַפן געוואָרן, אָנגעהויבן מיט ווינטשעווסקי און ראָזענפעלדן, זענען נישט נאָר דאָס פאַרלוירענע האַרצרייסנדיקע פאָווע־בריוועלע „מיין געליבטע איז געשטאָרבן, מיין געליבטע איז פאַרדאָרבן“, זיי וועלן אויך זיין די געפונענע פאָווע־פעדערן, צעוואָרפענע דאָ אויף די ברעגעס פון דער אינזל, איינגעפלאָכטן צו ווערן אין אונזער שעפערישער פאַרביקייט.

יאָ, זיי וועלן אויך זיין די געפונענע אָפּגעבראָכענע הערשן־הערנער, אָפּגעבראָכענע אינם שעפערישן גלוסטיק־געראַנגל, מיט קאָפּ אין דער ערד, מיטן קאָפּ דורך דער וואַנט.

2

אויף שוואַכע פּאָזיציעס שיקט מען נישט די בעסטע זעלנער. זיי ברויכן דאָך נאָר צו האַלטן דעם שונא אין שאַך ביזן שלום פונם נצחון. די גרויסע קאָמאַנדירן, די שטאַרקע גוואַרדיעס שיקט מען אין די פראָנטן, ווו די שלאַכט גייט אָן, ווו מען גייט פאָראויס.

אַ סך זיך איינצובילדן, זיך שטאַרק צו איבערנעמען האָט אויך נישט די גרופּע סאָלדאַטן, וואָס איז אָוועקגעשטעלט אויף אַזאַ מין שוין כמעט פאַרלוירענע פּאָזיציע און קיין סך פּראָוויאַנט און געווערן לאָזט מען זיי אויך נישט איבער!...

אָבער, אַז אַך און ווי איז דעמלט צו דער גאַנצער שלאַכט. ווען אַט דער נישט גאָר העלדישער זעלנער, וועלכער מוז אויסהאַלטן אויף דער פאַרלאָזענער פּאָזיציע, איז אויך אָן אחריותלאָזער, אַ פּחדן אָן מסירת נפש, צי גאָר אַ פאַררעטער, דעמלט קומט נישט נאָר פריער צי שפּעטער אַ סוף צו דער פּאָזיציע, נאָר די גאַנצע שלאַכט קאָן אַמאָל דורך דעם גיין פאַרלוירן — צום כוח פון פאָראויסגיין, צום געראַנגל פון פאָרשטויס־מאַרש איז דאָ ראַנגען, אָבער צום גרייט זיין צום טויט, צו מסירת נפש, איז נישט דאָ קיין היעראַרכיע.

דאָ, אין אונזער ישוב, אויף דעם שוואַכן פּונקט פון אונזערע פּאָזיציעס, מוזן מיר זיך זיין גוט באַוווסט אין אונזערע שעפערישע כוחות, מען טאָר נישט זייער שטאַרק באַנעמען מיט גדלות־געפילן, נישט צופיל איבערכאַפּן די מאָס, — גיי שריי „אני שלמה“, אַז ס׳איז גאָר נישט דער שלמה!... אָבער, אַז מיר דאָ וועלן פאַרלירן, חלילה דעם גלויבן אין אונזער אַרבעט, אין דער אַלגעמיין יידישער אַרבעט; מיר וועלן פאַרלירן דעם מסירת־נפש פאַר אונזער זאַך, איז נישט נאָר, אַז מיר זענען אינגאַנצן פאַרלוירן, אַז פון אונזער ביסל אַרבעט דאָ וועט נישט בלייבן קיין שריד ופליט, נאָר מיר קאָנען גורם זיין חלילה, אַז



דער גרויסער געראַנגל אונזערער איבער דער גאָרער וועלט, וועט דורך אונזער פאַרלוירענער פּאָזיציע, פאַרלירן אין שטויס־קראַפט, פאַרלירן אַ לעצטן מאָראַלישן אָנהאַלט.

עס איז מעגלעך, אַז אונז דאָ, דעם קליינעם יידישן ישוב, דאָ אויף דער אינזל, איז אָנפאַרטרויט געוואָרן אַ לעצטע פּאָזיציע, פון דער שעפערישקייט פונם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום און מיר מוזן אויסהאַלטן ביזן לעצטן. און ווי שוואַך אונזער שעפערישע גרופּע דאָ זאָל נישט זיין אין אָנבליק פון אונזערע גרויסע שאַפערס פון די לעצטע דורות, און אַפילו פון איצט אין אַנדערע ישובים, אָבער אין ענין פון מסירת־נפש, אין ליבשאַפט צו אַלץ וואָס ס׳איז געשאַפן, צו אַלץ וואָס ס׳איז יידיש, צו אַלץ וואָס ס׳איז טראַדיציע און פאָלקסשטייגער, טאָרן מיר נישט אָפּשטיין, טאָרן מיר נישט אָפּלאָזן די פליגל.

און די געפאַר דאָ איז זייער גרויס! וואָרים דאָס אונטערגיין אין „דזשודאַאיזם“, אין „רעלידזשיאָן“, אין „היברו טיטשינג“, איז פיל לייכטער און כשרער, ווי אין טאָטאַלע אַסימילאַציע, און דערפאַר אַפילו געפערלעכער — עס איז אַ פּאַמעלעכער איבערגאַנג צו מיטלמעסיקייט אויף אַלע געביטן... און וואָס דאָס ערגסטע, אַ פאַרוואָסערונג פונם אייגענעם, אַ פאַרמישעניש, אַ בהדרגה־דערגרייכונג פון שטופּע צו שטופּע, ביז צום נידריקסטן ניוואָ.

* * *

ווי טיף זאַכן קאָנען דערגרייכן, אַז מען פאַרלירט דאָס ביסעלע מסירת־נפש, אַז זיי ווערן געשעפט! מען ברויך נאָך אָנצוקוקן צו וואָסער שפּלער מדריגה, די יידישע פאָלקס רעליגיע, די שול, די סינאַגאָגע, איז צוגעקומען: אַ היעראַרכיע פון אָנגעשטעלטע, ווו דער רעווערענד, דער ראַביי און צומאָל שוין דער היימישער רב איז דער נידריקסטער אין דער מדריגה — אונטערן קאָלעקטאָר! — פאַרשטייט מען שוין דעם מצב צו וועלכן דאָס יידישע פאָלקס־טעאַטער האָט דערגרייכט.

דאָס „אָפענע פענסטער צו דער וועלט“ פון יידישן פאָלקס מענטש איז געוואָרן דאָס שמאָלע קאַסע־פענסטערל; דער עולם־גולם איז דער דעת־הקהל און דער מטורף טאַנצט אויף די שטויביקע ברעטער — בלינד צו ווערן! פון דעם גאַנצן יידישן גייסטלעכן און גייסטיקן הדרת פּנים איז געוואָרן אַ נאַרישער „וויץ מיט אַ באָרד“.

אַזוי נידריק דערגרייכן זאַכן, אַז עס פעלט מסירת־נפש! אַז מען הויבט אָן פאַרקויפן, פאַרקויפט מען שוין ס׳העמד פון זיך אַראָפּ, פאַרקויפט מען שוין זיך אַליין; ס׳אייגענע לייב און לעבן.

עס שווימען אויף אילוסטראַציעס, קאַריקאַטורן, ווי טיף מיר קאָנען דערגרייכן, אויב מיר וועלן פאַרלירן חלילה דאָס ביסל מסירת נפש פאַר אונזער זאַך; נישט מיר אַליין וועלן פאַרזינקען אין שאול תחתיה, נאָר אַלץ וואָס געשאַפן, אַלע אוצרות אונזערע, וועלן מיר אויך נאָך מיטשלעפּן מיט זיך — וואָס גרעסער די געפאַר אַלץ גרעסער דערפאַר מוז זיין דער אחריות, דער מסירת־נפש.

## משה עובד

# יידיש

פורים־צייט אין 1919, ווען מיין ליריש לויב־געזאַנג „צו יידיש“ איז געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אינם חודש־זשורנאַל „רענעסאַנס“, איז ספּעציעל אָריינגעקומען אין געשעפט דר. שמריהו לעווין און זיך אָנגערופן:

— איך האָב נאָר וואָס געלייענט אייער „יידיש“ און בין שרעקלעך אויפגעקאָכט אויף אייך. טאַקע ווייל ס'איז אַ גוטע זאַך קען עס אַ סך שלעכטס טון דער העברעאישער שפּראַך. איך מוז קומען היינט אָוונט צום באַל פון אייער חברה „בן־אורי“, רעדן פאַר די פאַרזאַמלטע און זיי איבערציינגן, ווי פאַרפירט איר זענט מיט אייער ליבע צו יידיש.

האָב איך אים געענטפערט:

— מיטן שענסטן פאַרגעניגן. אדרבא, קומט. דער „בן־אורי“ וועט פאַר דעם צוועק אויפשטעלן אַ ספּעציעלע פּלאַטפאָרם.

ער איז געקומען. די פּלאַטפאָרם איז געווען גרייט. אָבער זיין שאַרף אויג האָט תיכף געמערקט, אַז דאָס רוב פאַרזאַמלטע זיינען נישט פאַראינטערעסירט אין דער פּאָלעמיק וועגן יידיש און העברעאיש, ווייל זייער שפּראַך איז גאָר ענגליש, האָט ער זיך גאָר צולאָזט אין אַ שטילשווייגן — דערמאָנט זאָל עס ווערן צו זיין שבח!

דאָס לויב־געזאַנג צו יידיש האָט מיר אָבער צווישן די העברעאיסטן אַ סך שונאים פאַרשאַפט, איבערהויפּט אין ארץ ישראל.

ביידע צדדים האָבן מיך מיספאַרשטאַנען.

איך האָב באמת געוואָלט מער ווי איינמאָל באַזינגען העברעאיש, נאָר אַלץ ניט געקענט זיך אויפהויבן צו דער הויכער מדרגה, וואָס אַזאַ טעמאַ פאָדערט.

איך שטיי אָפט פאַר אַ ברוטאַל אַרכאַאיש קונסט־ווערק און געפין ניט קיין וואָרט אויסצורייד פון גרויס ערשטוינונג. ווען איך זע די גראַציע פון אַן אַלטער, העלעניסטישער פיגור אין בראָנז אָדער טערראַקאָטאַ, בלייב איך אָן לשון פון באַוווּנדערונג. און מכל שכן שטום בלייב איך פון הדרת קודש, ווען איך שטיי איינגעהילט אין אַ צעפּליקטער גלות־שפּראַך פאַר דעם מלכות פון לשון־קודש; פאַר ווערטער געשמידן אין אור־אַלטע צייטן פון נביאים; ווערטער וואָס זענען געווען די פריידהייטס שווערדן אין מצרים און אין מדבר.

ווי קען איך, ווי וואָג איך באַזינגען די באַצויבערטע און באַצויבערנדע אייביקע קלאַנגען אונטער די פליגלען פון אַ לשון, וואָס יעדע פעדער זיינע טריקנט ביים וואָרצל און בלוטיקט ביים שפּיץ?

יידיש איז אָבער פּאַרט דאָס לשון פון גלות, גסיסה און פּיין; פון אייביקן צער און פון לעבן. זי איז ניט די שפּראַך פון לעבעדיקן וואָרט, נאָר פון אונזער לעבן זעלבסט.

און אין דער שפּראַך האָט מיך גאָט באַגייסטערט צו זינגען דאָס ליד פון ליבע און לעבן.





גע׳צייכנט פון לעאָ קעניג.
דער אָריגינאַל איז געווידמעט י. א. ליסקי

דר. יעקב י. מייטליס

# סך־הכלען און אויסבליקן

דעם פריינד בנציון מרגלית צו זיין יובל.

און דאָ — צווישן טויט און לעבן
וואַקלט זיך אַ וועלט!
אַ וועלט זינקט אין מרה־שחורה אַריין,
אַ וועלט!

— י. ל. פרץ, „די גאָלדענע קייט“.

## א.

דאָס יאָר תש״י האָט זיך פאַרענדיקט אונטער אַ גרויסן סימן השאלה, אַ פרעג־צייכן, וואָס וואַרפט זיינע מוראדיקע שאָטנס פאָרויס אויפן קומענדיקן יאָר. ווי האַלטן מיר אין דער וועלט ביי היינטיקן טאָג? וואָס איז דער סך־הכל און וואָס זיינען די אויסזיכטן אויף להבא? ווי האַלטן מיר אַלס יידן און אַלס מענטשן? וואָס זיינען די סכנות, וואָס קאָנפראָנטירן יעצט די וועלט?

די וועלט איז ביז אין אירע תהומות אַן אויפגערודערטע, אַן אומרואיקע און אַ פאַריסורימטע. מלחמה און שלום, לעבן און פאַרניכטונג שטייען פנים אל פנים און האַלטן זיך קוים דאָס משקולת. אַ ליאָדע מינוט און דאָס צינגעלע פון דער וואָג גיט אַ צאַפּל און נייגט זיך אָט דאָ אויף רעכטס אָט דאָ אויף לינקס, וואָס מיינט לעבן אָדער טויט, אַ ברכה אָדער אַ קללה. די גאַנצע מענטשהייט שטייט יעצט לדין. וועט זי אַרויס גאַנץ, גערעכט, אָדער חלילה חייב, אַ שולדיקע. פרעגט מען זיך מיט אַ פאַרציטערט קול, האָט די וועלט געננג אָפּגעלערנט פון דער לעצטער קאַטאַסטראָפע און וועט זי זיין בכח איינ־צוהאַלטן דעם שלום, אָדער וועט מוזן קומען דאָס אומפאַרמיידלעכע און ווי־דער וועט מען פירן די מענטשהייט צו דער קרייציקונג, צו מלחמה, צו הריגות און פאַרניכטונג? זיינען געוועזן טעג און וואָכן אין דעם איינגערעגנטן קילן היי־יאָריקן זומער ווען אונדזערע הערצער האָבן געפלאַטערט אין אימה און פחד צווישן האָפענונג און יאוש פאַר דעם קומענדיקן מאָרגן.

אַ טראַגישער גורל ליגט אויף די פלייצעס פון דעם יעצטיקן וואָרט־זאָגער דור, דעם דור פון די שנות עמידה, פון די פופציקער. האָט ער אויסגעטראָגן אויף זיינע אַקסלען דאָס, וואָס אפשר קיין דור פאַר אים האָט נישט געטראָגן. בלוטיקע מלחמות, רעוואָלוציעס, בירגער־קריגן, איבערוועוועטונגן, סאָציאַלע אויפטרייסלונגען און אפשר דאָס טראַגישסטע פון אונדזער לעבן: די פאַר־ניכטונג פון זעקס מיליאָן יידן, כמעט דעם גאַנצן קבוץ יידן אין אייראָפּע. האָט אָבער דעם זעלביקן דור פון איבערגעבליבענע אויך געשיינט דער מזל: אין זיין צייט איז אויפגעשטאַנען די מדינת ישראל, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער דורות־אַלטער חלום פון יידישער באַפרייאונג.

האַלטן מיר אין ישראל ערשט ביים אָנהויב פון דעם גרויסן נאַציאָנאַלן און פאָליטישן בנין. איז ערשט קוים וואָס געוואָרן געלייגט דער יסוד פאַר



דעם באַנייטן פאָלק. ווערט אַלץ דאָרט געשאַפן מיט אַ סך יסורים און איבער־מענטשלעכער אָנשטרענגונג. זיינען טאַקע די מכשולים זייער גרויס. מאַכן זיך שוועריקייטן, ווערן מענטשן אָפּהענטיק און אויסגעניכטערט. הויבט זיך אָן צו פאַרשפּרייטן אַן אומצופרידנקייט, פאַרלירט דער מענטש דעם פאַרטרויען, ווערט ער ווידערשפּעניק. שוואַכט דאָס אָפּ די באַוועגונג, שטעלט אָפּ דעם אימפּעט פון בוי, די דינאַמיק פון יצירה. זיינען דערפאַר טאַקע די סכנות גרויסע. מוזן מיר, דער דור הגאולה טאַקע מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען, אַז עס זאָל נישט קומען קיין הפסק, קיין שטערונג און איבעררייס אין דער גרויסער היסטאָרישער אַרבעט פון דער יעצטיקער שעה. דאָס טאָר מען נישט דער־לאָזן. זאָלן אָבער אונדזערע מנהיגים נישט גלייבן, אַז דאָס קען מען דערגרייכן נאָר מיט נדבות און געלד־זאַמלונגען. דערצו איז נייטיק דער גאַנצער ווילן פון אַ פאַראייניקט פאָלק. זיינען דערצו טאַקע נייטיק אַלע גייסטיקע און שאַ־פערישע פּאָטענצן פון אַ וואַכזאַם פאָלק. מוז מען, ווי אין אַמאָליקע צייטן, אַראָפּנידערן אין די טיפסטע באַהעלטענישן און אויפוועקן די שלומערנדיקע כחות אין פאָלק, שטאַרקן אין אים דעם גלייבן אין זיין קיום, פעסטיקן דעם ווילן צום לעבן און פאַרטיפן די בענקשאַפט נאָך גאולה. עס מוז קומען צו אַ נייער התגלות פון פאָלק־געניוס, אפשר צו אַ מין נייעם מעמד הר סיני, אויב איר ווילט מיט קולות וברקים, וואָס זאָל ברענגען דעם פאָלק צום באַוווסטזיין די איינציקאַרטיקע אויפגאַבע, וואָס עס האָט צו דערפילן אי אַלס מענטשן און אי אַלס יידן. נאָר מיט באַנייטע און פאַרטיפטע כחות וועט דאָס פאָלק קענען אויספירן די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע, וואָס דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעלייגט אין דער יעצטיקער שווערער צייט.

עס איז קלאָר, אַז די אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונג פאַר איבערבוי און גאולה מוז קומען פון גאַנצן, באַנייטן און ווילן־שטאַרקן פאָלק. ווי זעט אָבער אויס דאָס דאָזיקע פאָלק אין דער יעצטיקער קריטישער שעה? ווי האַלט עס מיטן פאָלק אין די גלות־לענדער. וואָס איז זיין דרך און וווהין גייט זיין אַנט־וויקלונג? זאָל מען זיך נישט פּרובן טרייסטן מיט ביליקע חלשות־טראָפּנס און זיך איינרעדן, אַז עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. אַז עס וועט זיין גוט, אַז דער נצח ישראל וועט שוין זיין פאָלק נישט פאַרלאָזן. זאָל מען נישט וועלן פאַר־דעקן די שרייענדיקע בלויזן מיט סתם טוכלע מליצות און אָנווייזן אויף שוואַכע, קוים דערזעבאַרע סימנים, אַז דווקא זיי באַטייטן בעסערונג און אויפשטייג. דער אמת איז, אַז מיר געפינען זיך נאָך דעם אונטערגאַנג פון מזרח־אייראָ־פּעאישן יידנטום בסימן ירידה. אומעטום אין די לענדער פון אונדזער צו־שפּרייטונג. מען איז געוואָרן אויסגעליידיקט פון דער לעבעדיקער, שאַפערי־שער יידישקייט, עס איז נישטאָ קיין אינהאַלט. אָוועקגעוואָרפן האָבן מיר דעם אַלטן קולטור־באַגאַזש, דעם סבל הירושה און קיין נייע אינהאַלטן, קיין נייע ווערטן האָבן מיר דערוויל נישט געשאַפן.

דער ציוניזם אין זיין איצטיקער פאָרם האָט נישט געהאָלפן אַנטוויקלען די לאַטענטע כחות פון פאָלק, צעצינדן אין אים, ווי אין אַמאָליקע צייטן, אַ

פייער פון בטחון און באַפרייט די באַהאַלטענע כחות צו אַ נייער שאַפערישער טאַט. אדרבא, מען האָט די אַלע מעגלעכקייטן הן ביודעים און הן בלא יודעים פאַרנאַכלעסיקט. מען האָט דערלאָזט, אַז אַפּאַטיע און דעפּיטיזם זאָל באַהערשן גרויסע טיילן פון פאָלק. לאַנגע יאָרן האָט מען געלעבט און מען פּרובט נאָך עד היום צו לעבן אויפן חשבון פון אַ „פּאַניק“־ציוניזם (וואָס די טרויעריקע ווירקלעכקייט פון די לעצטע יאָרן האָט אים לײדער אַזוי מוראדיק באַשטעטיקט). אָבער אויף פּאַניק און דעפּיטיזם אַליין קען מען דאָך נישט בויען קיין געזונט לעבן פון אַ פאָלק. די רעגענעראַציע מוז קומען פון טיפערע, אונטערערדישע מקורות פון פאָלקס־לעבן און דאָס האָט מען נישט אויסגענוצט פאַר דעם גרויסן באַפרייאונגס־פּראָצעס.

אַזוי אַרום איז די גרויסע נאַציאָנאַלע באַוועגונג כמעט געוואָרן אויסגעליידיקט פון איר אינהאַלט, זי האָט פאַרלוירן איר נשמה. נישט האָבנדיק קיין פאַרטרויען אין די אייגענע כחות און נישט האָבנדיק דעם רצון צו דערוועקן די פאָלקס־כחות צו אמתער באַנייאונג און אויפבוי, האָט מען פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג געמאַכט אַ צדקה־אינסטיטוציע, אַן אַלמעכטיקע מאַשין במקום אידעאַל און געהאָלפן אויסבייטן אַ גרויסן ענין פון פאָלקס־דערלייזונג אויף קליינגעלד. מען גייט טאַקע דעם דאָזיקן געפערלעכן וועג קאָנסעקווענט ווייטער. יעצט, נאָכן אויפשטיין פון מדינת־ישראל און דער פּראָקלאַמירונג פון אַ טאָטאַלן קבוץ גליות (פריער צי שפּעטער), האַלט מען שוין די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג אין די גלות־לענדער פאַר איבעריק און מען וויל פון איר אַזוי שנעל ווי מעגלעך פּטור ווערן. אויב דער נס זאָל געשען, אַז ישראל זאָל אין דער צוקונפט זיין פינאַנציעל אומאָפּהענגיק, נישט ברויכן אַנצוקומען צו די גלות־יידן נאָך קיין געלט, דעמאָלט איז דאָך אַ פּשיטא, אַז מען וועט די באַוועגונג פּרובן קאַסירן, ווייל זי וועט דאָך שוין נישט מער דינען קיין שום צוועק!

שטייט טאַקע דערפאַר אונדזער גאַנץ ביסל גלות־לעבן בסימן דלות. עס איז ממש נישטאָ ווער עס זאָל זיך דערמיט פאַרנעמען, בשעת אַלע און טאַקע די סאַמע בעסטע כחות זיינען קאָנצענטרירט אַרום דעם אויפבוי פון א״י. די יידישע ליטעראַטור, הגם קינסטלעריש־קוואַליטאַטיוו שטייט זי נאָך אויף אַ געהעריקער הויך, פאַרלירט אַלץ מער באָדן פון אונטער אירע פיס און גייט לאַנגזאַם אויס. זי איז שוין היינט אַ ליטעראַטור כמעט אָן לייענער. היינט, ווי לאַנג קען זיך האַלטן אַ פּראָדוצענטן־ליטעראַטור? יידיש לשון ווערט אַלס מער אַרויסגעשטופּט און נישט העברעאיש פאַרנעמט זיין פּלאַץ, נאָר די פרעמדע, די קולטור־שפּראַכן פון די מדינות אין וועלכע מיר לעבן. זען זיך אויך ווייניק אָן די סימנים פון אַן אויפלעבונג פון העברעאיש אין גלות. אויב מען לערנט העברעאיש איז דאָס נישט תמיד לשמה, נאָר גיכער אַלס אַ מיטל, וואָס מען וועט ברויכן אין ישראל, אויב מען וועט דאַרט אַהין אויסוואַנדערן. האָט דאָך דער אַמאָליקער דורכשניטלעכער הצפירה־לייענער מיט זיין גאַנצן אַלטמאָדיש־משכילישן וועלט־באַנעם געהאַט מער יידישע קולטור ווי אַ סך פון



די, וואָס טומלען זיך היינט מיט דערפאָלג אַרום העברעאישער דערציאונג און קולטור.

אויך אויפן געביט פון רעליגיעזן לעבן זעט מען דערווייל נישט קיין שום סימן פון באַנייאונג. מען האָט דאָך געוואָלט דערוואַרטן, אַז נאָך די קאַטאַסטראָפע־יאָרן פון תרצ״ט־תש״ה, ווען דער יידישער מענטש איז געווען יסודותדיק אויפגערודערט, זוכעריש־פאַרצווייפלט, פאַרכאַפּט פון אַ טיפער בענקעניש נאָך העכערע ווערטן, אַז עס זאָל זיך דערהערן אַ ניי וואָרט, באַווייזן אַ נייער ליכט־שטראַל פון אמונה, אַז עס זאָל אַנטשטיין אַ באַנייאונג־באַוועגונג, וואָס זאָל רעדן צום פאָלק אין זיין לשון, פאַרטיפן די רעליגיעזע ווערטן און אַריינטראָגן אַביסל מער קדושה און יו״ט אין דעם גרויען, טאָג־טעגלעכן לעבן. פון דעם איז לײדער נישטאָ קיין שום סימן. וואָס מען הערט יאָ, דאָס זיינען הויכע על־חטא׳ס, שאַבלאָנאַווע רופן „אויף צוריק“, אַ מין השיבנו, אָן צו וויסן וווהין און צו וואָס. קען רעליגיעז לעבן אין זיין אַלטער, אויסגעהוילטער פאָרעם באַגייסטערן, העלפן צוריק געווינען דעם פאַרלוירענעם באָדן אין יידישן לעבן? ווער אפשר, לאָמיר שטאַרק האָפן, אַמאָל קומען אַ שטאַרקע רעליגיעזע התעוררות, ווי אין די אַלטע ציטן, וואָס וועט ציען איר יניקה פון דעם פרוכפערדיקן און גייסטיק צעאַקערטן מוטער־באָדן אין א״י.

די פראַגע איז ענג־פאַרבונדן מיט אַן אַנדערער, פונדאַמענטאַלער פראַגע, וואָס איך וואָלט וועלן נאָך קורץ באַרירן. עס איז פאַר אַ סך פון אונדז אין יעצטיקן מאָמענט נישט אין גאַנצן קלאָר וווהין עס פאַרנעמט זיך דער וועג פון דער נייער מדינה אין א״י. וואָס וועט זיין איר תוכן און ווי וועט זיין איר גייסטיקער פרצוף אין דער צוקונפט? וואָס וועט זיין דער יסוד פון איר גייסטיקן לעבן, וועלט־באַנעם און אויסקוק? וועט זי טיף פאַראַנקערן דאָס פאָלקס־לעבן אין זיין רייכן עבר, איינשליסנדיק אַלע יענע ווערטן און גרויסע קולטור־שאַפונגען פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום? אָדער וועט מען וועלן אין ישראל גיין אויף אַ נייעם וועג, אָנהייבן פונדאָסניי אַ פרישׂ בלעטל יידישע געשיכטע, אַ מין „היום הזה נהיית לעם“, פון היינט־צוטאָג זיינען מיר געוואָרן אַ פאָלק? וועלן מיר דערלעבן צו האָבן אויף די ברעגעס פון מיטל־לענדישן ים אַ מין מאָדערנע לעוואַנטינישע מלוכה מיט אַלע חסרונות און מעלות פון נאָענטן מזרח, מיט וואָס די אַרטור קעסטלערס און אַנדערע וועלן זיין זייער צופרידן, ווייל דאָס איז פאַר זיי דער אימבאַגריף פון אַ ישראל, וואָס איז געוואָרן באַפרייט? איז דאָך פאַר די פּוסקים פון דעם שניט קעסטלער אַלץ כשר, אַבי פּטור צו ווערן פון דער לעצטיקער יידישקייט, אַ מין נאָכשלעפּעניש פון די גלות־לענדער, וואָס זיי פאַרשטיין נישט און צו וואָס זיי האָבן לחלוטין קיין שום באַציאונג נישט.

מוז מען זיך שטאַרק היטן, אַז אויפבויענדיק דאָס נייע ישראל זאָל מען נישט שאַפן אַ בבל פון אייראָפּעאישע און מזרח־ציוויליזאַציעס, מיט אַ סך פרעמדע מנהגים, מיט אומערלעכקייטן, דיסקרימינאַציעס און מיט אַ שפּראַך אַ נייע, אַ האַלב־פאַרגוישטע. זאָל פון תל־אביב ווערן אַ מין ניו־יאָרק אָדער

לאָנדאָן אין נאָענטן מזרח? און מיט וואָס זאָל ירושלים בלייבן די אייביקייטסשטאָט פון יידישן פאָלק און דאָס ליכט פאַר דער וועלט? מיט איר היינטמאָדישקייט, אַ פאַרשלעפּטן איראָפּעאישן סעקולאַריזם, מיט אַן אויפבוי פול אימפּעט, אומרו און עקספּאַנסיע? קען איך מיר לחלוטין נישט פאַרשטעלן (און אפשר איז דאָס מיין פעלער), אַ ירושלים אָן רעליגיעזן תוכן, אָן איר אַלטער פאָלקס־קדושה, אַ שטאָט ווי אַלע שטעט.

וועט מען אין דעם באַנייטן ירושלים, דער הויפּטשטאָט פון ישראל שרייבן דאָס קאַפּיטל פון דער היינטיקער באַפרייאונג, פון דעם יעצטיקן גרויסן נס אונטער דעם אַספּעקט פון טרוקענע ציפערן און רעאַלע פאַקטן? אָדער וועט דאָס אייביקייטס־פאָלק מצרף זיין זיין שאַפערישן געניוס און ווידער אַמאָל אָנשרייבן אַ גרויס קאַפּיטל פון יידישער איבערלעבעניש מיט אַן אויסקוק אין די אייביקייט, ווו עס וועט זיך פילן דער שטאַרקער דופק פון אַ ישעיהן אָדער ירמיהן, דער אמתער גייסט פון אַלטן תנ״ך?

(המשך און סוף פאָלגט)

---

## לעא קעניג

# די שיינע שבעה

(המשך)

קאַפּיטל 4

## די שטוב, דאָס בעט און דער „מענטלפּים“

„געזעסן“ זענען זיי, פאַרשטייט זיך, אינעם אַלטנס צימער; אין דעם צימער, וואו ער איז דאָס לעצטע יאָר געלעגן כמעט די גאַנצע צייט קראַנק מיט דער מיאוסער קראַנקהייט, וואָס אַלע און דער חולה האָבן געוואוסט וואָס דאָס איז, נאָר דעם שרעקלעכן מיאוסן נאָמען אירן נישט געוואָלט דערמאָנען, גלייך ווי אָנרופנדיק זי ביים נאָמען וואָלט די קראַנקהייט נאָך מער זיך אפּגערופן און נאָך געפערלעכער געוואָרן.

אפילו מיט די גרעסטע דאָקטוירים פון האַרלי סטריט און מיטן גרויסן, דייטשן ספּעציאַליסט פישער — זייער פאַמיליען־דאָקטאָר, וואָס האָט אויך געהילט ר׳שלמהס פרוי, וועלכע איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר פינפצן פאַר אים — האָט מען זיך געהיט, בשעת די באַראַטונגען, די קראַנקהייט צו דערמאָנען.

בקול רם האָט מען גערעדט וועגן צוקער־קראַנקהייט, וועגן „דייעביטיס“ — און אַ גאַנץ יאָר פאַרן לעצטן יאָר האָט מען דעם אַלטן, נעבעך, נישט געגעבן קיין טייג, קיין צוקער און געהאָדעוועט אים מיט אַזעלכע „היגיענישע ביסקיטס“, ווי ער האָט זיי אַליין אָנגערופן: שפּעטער צו, אינעם לעצטן יאָר, האָט מען שוין גערעדט וועגן עפּעס אַזאַ „גראוט“, אַ קליין פרישטשיקל אויפן „מיאוסן אָרט“, פונקט וואָס וויפל מען זאָל עס נישט שניידן און אויסברענען, וואַקסט עס ווידער אויס . . .



אָבער דאָס שרעקלעך־פאַטאַלע וואָרט „קענסער“ (קרעבס) האָט קיינער נישט געוואָלט אַרויסרעדן, כאָטש אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז עס און נאָר אונטער פיר אויגן, שטאַרק סודותדיק, האָט מען עס יאָ מודה געווען און באַלד, שפּילנדיק מיטן שטן דיפּלאָמאַטיע, עס דאָך האַלב אָפּגעלייקנט. „ס׳איז יאָ און ס׳איז נישט“.

אויך דער אַלטער שלמה גאָלדבלום האָט געוואוסט וואָס דאָס איז, אָבער ער האָט שרעקלעך, כמעט חיהש, מורא געהאַט פאַרן טויט. פלעגט ער פאַרטריבן מיט אַלע כחות דאָס שרעקלעכע וואָרט פון זיינע געדאַנקען . . .

פונקט ווי די דאָקטוירים האָבן געהאַלטן אין איין שניידן און ברענען דאָס „פליישיקע פינטעלע“, האָט ער געהאַלטן אין איין טרייבן און אויסמיידן דאָס שרעקלעכע וואָרט.

— אפשר ווייסן נישט די דאָקטוירים? זיי ווייסן טאַקע פון זייער חיות נישט, ווי שמחה זאָגט. און ווייטער איז דאָך אַלץ ביי גאָט אין די הענט . . .

נאָר אָפּט, ווען ער פלעגט בלייבן אַליין אין זיין צימער מיטן טלית און תפלין איבער זיין שלאָף־ראָק און אַרויסקוקן דורך די פענסטער צו דער לעבעדיקער רעשיקער קאַמערשל ראָוד גאַס, וואו ער האָט געקענט אַלע געשעפטסלייט אנטקייגנאיבער, פלעגט ער זיך נישט קענען איינהאַלטן און זיך צעוויינען פלוצלונג ווי אַ קינד.

דער שרעקלעכער רעש פון די טראַמווייען און פון די שווערע לאַסטאויטאָס און די אַלע מענטשן, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אין גאַס אונטער זיינע פענסטער און האָבן דאָך אַזוי מאָדנע ווייט, אָפּגעשיידט, אויסגעזען פון אים — עפּעס טאַקע ווי „בין חיים למות“ — האָבן מאָדנע ווי געטון, פיינלעך געשמערצט און גערייצט דעם אַפּעטיט צום לעבן. אוי, האָט ער נישט געוואָלט שטאַרבן!

פון אָט דעם צימער האָט מען אים אויך „אַרויסגענומען“.

* * *

דאָס איז אויך געווען דאָס שענסטע צימער אין גאָלדבלומס אייגן הויז, וואו ס׳האָט זיך אַנטוויקלט גאָלדבלומס גרויסע האַנדלס־פירמע פון וויד און וואָל.

אויפן ערשטן שטאָק, מיט צוויי גרויסע פענסטער אין דער רעשיקער גאַס אַריין, האָט דאָס גרעסטע צימער אייגנטלעך געדאַרפט זיין די גאַסט־שטוב. אָבער דער אַלטער ר׳שלמה גאָלדבלום איז געווען אַן אַלטמאָדישער ייד, וואָס האָט אויפן אַלטמאָדישן שטייגער פאַרשטאַנען וואָס באַקוועמלעכקייט איז:

— „דראָואינג רום שמאָואינג רום“ — פלעגט ער טענהן — פוסטע רייד! איך קען זיך שוין נישט שלעפּן פון איין צימער צום צווייטן. און אפילו אין די יונגע יאָרן וואָלט איך נישט געלאָזט דאָס צימער פוסטעווען און וואַרטן אויף געסט! — און ער האָט טאַקע זיינס אויסגעפירט. ער איז נישט געווען פון די היינטיקע טאַטעס, וואָס לאָזן זיך רעפאָרמירן פון די קינדער.

און זיין בעט מיט די גרויסע קישנס און מיט דעם הויכן איבערבעט, האָט

ער טאַקע אַריינגעשטעלט אין דעם צימער. פון זינט די קינדער געדענקען איז דאָס בעט געשטאַנען אין דעם שענסטן צימער פון הויז. און אייביק איז אָנגעגאַנגען אַ „מלחמה" צווישן די קינדער — באַזונדערס צווישן די טעכטער — מיט זייער טאַטן צוליב דעם בעט. די מלחמה פלעגט זיך ס׳רוב צעפלאַקערן ווען אַ טאָכטער האָט דאָס ערשטע מאָל איר „יאַנג מען" אין הויז אַריינגעוואָלט ברענגען, אָדער אַ זון זיין „יאַנג ליידי".

פלעגן די טעכטער דאן צו אים צושטיין:

— נו, טאַטע, אפשר וועסטו נישט זיין אַזוי איינגעשפּאַרט און אַרויפנעמען דאָס בעט אויבן אין דעם פאַדערשטן צימער, וועלכעס איז פונקט אַזוי שיין און נאָך לופטיקער. ס׳איז דאָך אַ שאַנדע אַ פרעמדן מענטשן אין שטוב אַריינצוברענגען.

— „נעווערמיינט", גרעסערע סוחרים האָבן דאָ מיט מיר ביי דעם בעט געהאַנדלט. וואָס איז דער מער מיטן בעט? אין דעם בעט ביסטו געבוירן געוואָרן.

אפילו די טרערן פון די טעכטער פלעגן נישט העלפן:

— געזאָגט איז געזאָגט!

דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן יאָ געקאָנט טון, איז הייסן רייטשלען נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל דאָס בעטגעוואַנד איבערציען. און מיט אַ שיינער, געבלימטער, טעפיך־ארטיקער קאָלדרע עס איבערדעקן.

אָבער די פוכענע קישנס און דאָס איבערבעט זענען געווען אַזוי גרויס און אנגעשטאָפּט, אַז זיי האָבן נישט געלאָזט איבערציען און צוימען, און אַלעמאָל האָט אַרויסגעקוקט, ווי אַן אויער פון אַ ווייסן העלפאַנט, אַ שפּיץ פון אַ קישן . . .

און ווייטער נאָך וואָס האָט געטויגט דאָס בעט צוצודעקן, אַז דער אַלטער, עליו השלום, פלעגט זיך אפילו ביי די פייערלעכסטע צערעמאָניעס און פאַמיליען־באַראַטונגען נישט קענען איינהאַלטן און זיך מוזן — קיין עין הרע, אַ שווערער מענטש געווען — אויפן בעט אָוועקזעצן.

און ווי נאָר ער פלעגט זיך אָוועקזעצן, פלעגן אַרויסוואַלן ווייסע, פעטע פלייצעס פון פרויען אָדער אַמאָל רוקנס פון עפּעס מאָדנע שניי־ווייסע ים־קאטערס און ער מיט זיין ווייסער באָרד, מיטן צעפלאַסענעם ארבע־כנפות און מיטן קאַפּל אויפן פליישיקן געזונטן קאָפּ פלעגט דאָ כאַפּן דעם אנבליק פון אַ מין נעפּטון . . .

—דאָס בעט ציט מיך, דאָס בעט רופט מיך, — פלעגט ער אַלץ טענהן אין זיינע לעצטע יאָרן.

פלעגט מען שוין אינגאַנצן דאָס בעט נישט צודעקן מיט דער טעפיך־ארטיקער, געבלימטער קאָלדרע, און ס׳פלעגט שטיין אין צימער ווי אַ ווייסער בארג שניי.

אויך די שנורן — און באַזונדערס די יחוסדיקע, גרויסע סאָפי, וואָס האָט גערעדט אַריסטאָקראַטיש אונטער דער נאָז און האָט געטראָגן אויפן פעטן



פינגער אַ גרויסן אַלטמאָדישן קידושין רינג, אויף וועלכן מען וואָלט געקאָנט אָנהענגען אַ בונט שליסלען — פלעגן דעם אַלטן אָפּט „טשאַפּן" פאַר זיין בעט.

— וואָס איז דאָס, שווע־ע־ער־לעבן, — פלעגט די גרויסע סאָפי אים אפּט פרעגן — אייער שלאָף־צימער צי אייער „דראָואינג רום"?

דער אַלטער האָט ליב געהאַט מיט זיינע שנורן צו שפּאַסן און אויף זיין שטייגער קאָקעטירן, גלייך ווי ער וואָלט אַ הונדערטסטן חלק, לאָמיר זאָגן, הנאה געהאַט פון דער תאווהדיקער הנאה, וואָס זיינע זין האָבן פון זיי; און וואָלט זיי דערביי אויף דעם חשבון געגעבן אנצוהערן, אַז זיי, זיינע זין, זענען גאָרנישט אַזעלכע שלעכטע מאַנסבילן, כאָטש זיי געבן זייערע ווייבער צופיל נאָך . . .

— אָט דאָ זעסטו — ער איז מיט אַלע זיינע שנורן, איידעמס און שטוב־מענטשן געווען אויף „דו" — איז מיין „בעדרום", — האָט ער געוויזן אויף זיין בעט, אויף וועלכן ער איז ס׳רוב געזעסן. — און דאָ איז מיין „דראָואינג רום", — פלעגט ער אַ זבענקע טון אויפן טיש מיט דער שווערערער, לינקער האַנט!

— דאָ איז דאָך אייער אָפיס, — פלעגט זיך אַריינמישן מיט אַ צעבראָכענעם יידיש די נאַיווע ענגלישע מערי לולוס, וועלכע האָט שוין געטראָגן אַ גאָר אַ מאָדערנעם קידושין־רינג — אַזאַ דין רינגעלע, וואָס האָט זיך אינגאַנצן געקענט באַהאַלטן אונטערן תנאים־רינג מיטן בריליאַנט, אַזוי, אַז מ׳וואָלט געקענט מיינען, אַז זי איז נאָך אַ מיידל . . .

דער אַלטער האָט אויך פון דער שנור הנאה געהאַט, כאָטש מען וואָלט פון סאָפין, קיין עין־הרע, דריי אַזעלכע מעריס געקענט מאַכן . . . זיין געדאַנק איז, אַז אַ ווייב דאַרף זיין אַזוי ווי סאָפי. נאָר אַז ס׳איז אַזאַ ענגלישע מאָדע, אַז פרויען דאַרפן זיין שלאַנק, לאָבט ער זיך אויס דערפון: די ענגלישע מערי וועט האָבן נאָך אַ פּאָר קינדערלעך וועט זיך שוין צעוואַקסן. ער האָט אויך ליב געהאַט ווי זי צעברעכט זיך די ציין, ווען זי רעדט צו אים יידיש און זאָגט אים „דו" אויף יידיש.

—גיי, דו ביסט נאָר אַ נאַריש ציגעלע. אָט דאָ איז גאָר מיין אָפיס — פלעגט ער ווייזן אויפן קליינעם שאַפקעלע, וואָס איז געהאַנגען צופוסנס פון זיין בעט, וואו ער האָט געהאַלטן די שליסלען פון די ביזנעס אונטן, די ביזנעס־ביכער, וואָס טיילמאָל אברי און טיילמאָל סעמי פלעגן זיי פירן, און אַ פלעשל בראָנפן, כדי ער זאָל קענען שטענדיק מכבד זיין מיט אַ „טרונק בראָנפן" נאָך אַ ביזנעס־אָפּמאַך אָדער נאָך אַ פאַמיליען־אויסגלייכונג, דערביי פלעגט ער אַ געשריי טון צו רחלען אין קיך אַריין:

— ברענג אַריין אַפּאָר גלעזלעך און אַ שטיקל „פלייוועך" (קוכן) צוצובייסן.

און רחל פלעגט שוין אַריינטראָגן אויף אַ גרויסן פּולמעסיק און אַמאָל טאַקע אויף אַ בעקן אַ גרויסן, געלן „פלייוועך", וועלכער פלעגט אזש פארגעלן אינגאַנצן די שטוב.

— און וואָס איז דאָס ביי איך ? — פלעגן די שנורן אים נישט אָפּלאָזן, ווען זיי זענען זיך גראד צוזאַמענגעקומען אין אַ יום־טוב אָדער קומען געוואר ווערן, ווען ער איז עפּעס נישט געווען מיט אַלעמען, און ווייזן מיט די רייך־באַרינגטע פינגער אויף די פענסטער, וואו ס'זענען שטענדיק געלעגן ספרים, משניותן, סידורים, מחזורים, אַ מדרש, אַ יידישע צייטונג פארפלאָנטערט אין די דורכזיכטיקע, געשטריקטע פארהאנגען, וועלכע זענען שטענדיק געווען אַ ביסל פארהויבן, ווייל דער אַלטער האָט ליב געהאַט אַרויסצוקוקן אין גאַס אַרויס . . . (דאָס איז אים אַזאַ געוואוינהייט געבליבן פון די לופט־אַנפּאַלן אַן).

— דארט איז אייער „לייברערי" ? . . .

— ווי זאָגסטו ? — פלעגט ער זיי ענטפערן. — וואָ'דען, ווי אייערע מאַנען, וואָס קוקן קיינמאָל נישט אַריין אין אַ ספר . . .

— זיי קענען דען ? — פלעגט די שטאָלצע סאָפי אים וואגן פרעגן.

— נו, פאַרוואָס לערנסטו דיין מאַן נישט ? אַזאַ כשר ווייבל ווי דו . . .

קיין ענטפער איז ער די „קאטשקעס" נישט שולדיק געבליבן. און זיינע טעכטער פלעגן אָפּט, מיט טעכטערישער הנאה, צוקוקן ווי זייער טאַטע „מענעדזשט" אָט די אַלע כיטרע און „סמארטע" „סיסטערס אין לאָוס" זייערע, וועלכע נעמען זיך יאַקבי אָן זייער קריוודע פאַרוואָס ער לאָזט דאָס בעט נישט אַרויפנעמען.

— שאַ, שאַ, און וואָס איז דאָס ? — איז אַמאָל אַרויסגעשפּרונגען די יונגסטע פון די פיר עלטסטע שנורן, די לאַכערקע ליובאַטשקע, מיט אַ הילכיק־צעשאַטן געלעכטערל און געוויזן מיט איר באַרינגט און באַדימענט הענטל — מען האָט אַזש איר קירושין־רינג אינגאַנצן נישט באַמערקט — אויפן „מענטל־פיס" איבערן קאַמין און אונטערן שפּיגל, וואָס האָט געהאַט אַ ראַם מיט צענד־ליקער געשניצטע פאַליצעס און פּאַליצקעס. דער „מענטלפיס" מיט די אַלע פּאַליצעס פונם שפּיגל זענען געווען פאַרשטעלט מיט קלענערע און גרעסערע פאָטאָגראַפיעס פון ר'שלמה גאָלדבלומס אייניקלעך — די קינדערלעך פון די שנורן.

אַ פאַר טוץ פאָטאָגראַפיעס זיכער זענען געשטאַנען אויפן „מענטלפיס" און אַרום און אין דעם שפּיגל. נאַקעטע און האַלב־נאַקעטע עופּהלעך, קאַראַפּוזי־קעס. ליגנדיקע, זיצנדיקע מיט דיקע פיסלעך, פוכקע הענטעלעך, בעקעלעך, שמייכלענדיקע און שטאַרנדיקע פאַרוואונדערט. און בילדלעך פון די עלטערע אייניקלעך אין שיינע קליידעלעך מיט בראַנזעלעטעלעך אויף די אָרעמלעך און רינגעלעך אויף די פינגערלעך ; אייניקלעך אין שווים־קאָסטיומלעך אויפן זאַמד ביים ים, אָדער רייטנדיק האַלב־נאַקעטע אויף אייזעלעך, און לאַכנדיקע, פאַרטראַכטע ; בלאָנדע, שוואַרצע, פאַרשיידענע, און דאָך אַלע ווי די זעלביקע, ווי פון איין פאַבריק אַרויס, פון איין וועלטל־גאַסט ! און אויגעלעך, אויגעלעך ! באַזונדערס נישט צו דערקענען איינע פון דער צווייטער זענען געווען די נאַקעטע ביין־חדשימדיקע קאַראַפּוזיקעס, וועלכע זענען געלעגן ס'רוב אויף די בייכע־



לעך. אפילו זייערע מאַמעס און טאַטעס האָבן זיי שוין שווער געקענט אונטער־שיידן.

— אוי, איך האָב געמיינט דאָס איז מיין ראָזעלע, „בלעס הער !"

— זעט אויס פונקט ווי מיין דיקי, „בלעס הים !"

שטילערהייט, ווי בגניבה, פלעגן די זין, טעכטער און שנורן אָפּט, ווען זיי פלעגן בלייבן אַליין אינם טאַטנס צימער, צוגיין צו דעם „מענטלפיס" אויס־קלויבן די „אייגענע" פאָטאָגראַפיעס, אפשטויבן זיי, אַ קוש טון די „דאַרלינגס" און זיי צוריק אַוועקשטעלן אויף אַ בעסער פלאַץ אויבנאַן ביי דער זילבערנער חנוכה־לאַמפּ, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע מיטן פונם „מענטלפיס" און וואָס פלעגט זיי אַלע יאָר, אין דער לעצטער נאַכט פון חנוכה, מיט אַלע אַכט פלעמ־לעך, פרום באַלייכטן און בענטשן . . .

---

— נו, וואָס איז דאָס ביי איך ? — פלעגן די שנורן, קאָקעטיש, ווייבעריש־ממזריש ווינקענדיק, פרעגן ביי זייער שווער. עפּעס, גלייך ווי ס'וואָלט אַלץ זיין אַרבעט געווען . . .

—' וואָס איז דאָס ? דאָס דאַרפט איר וויסן . . .

די שנורן האָבן אויף אַן אמת זיך געמוזט ברעכן די קעפּ, נישט געקוקט אויף זייער גרויס געניטקייט אין ענינים פון בעל־הביתישקייט, צו געפינען אַ פּאַסנדיקן נאָמען פאַר אָט דעם „מענטלפיס", קיין עין־הרע.

— „איי נאָו, איי־נאָו, איי גאָט איט" . . . דאָס איז אייער „נערסערי", שווער ! — האָט די איבערגעשפּיצטע ליובאַטשקע מיט איר קוויטשעדיק געלעכ־טערל אויסגעפונען.

— נו, ווער דען וועט אויסגעפינען, אַז נישט די כיטרע ליובאַטשקע, וועלכע איז אַזוי איבערגעשפּיצט, אַז די גרויסע סאָפי טאַנצט ביי איר ווי אויף אַ שטריקל.

דאָס איז שוין איינמאָל אַ ליובאַטשקע. אַז זי, די מאַגערע, די „קיי און שפּיי" ליובאַטשקע", האָט געקענט אויסכאַפּן זיין שענסטן זון אפשר — אברין ; דעם בעסטן קאָפּ צום רעכענען האָט דער אברי זיכער.

— דיך האָט מען אייך געדאַרפט אַרויפשטעלן אויפן „מענטלפיס".

ליובאַטשקע האָט עס אָנגענומען פאַר אַ קאָמפּלימענט : זי איז אַזוי קליין, „פּטיט", אַז דער שווער וויל זי אַוועקשטעלן צווישן די בייבים.

אָבער דער אַלטער האָט עס געזאָגט גאָר מיט אַ שטאָך : קעגן דער קליינטשיקער און מאָגערער ליובאַטשקע איז אַפילו מערי לולוס אַ פּרוי. ער האָט שטענדיק צו טון מיט זיין אברין אין האַלבן ערנסט „פאַרוואָס ער גיט זיין ווייב אַזוי ווייניק צו עסן ; פאַרוואָס ער זעט נישט, אַז זיין ווייב זאָל אויף זיך מער פלייש נעמען" !!

איבערהויפּט האָט ער געגלויבט, אַז זיינע שנורן האָבן געכאַפּט „מציאות" אין זיינע זין.

ס'איז געבליבן דער נאָמען „נערסערי" פאַר דעם „מענטלפיס", ביז דער

שידוך פון דער יונגסטער טאָכטער מיטן אַרטיסט איז טאַקע געוואָרן אַ שידוך — כאָטש עס האָט נישט אַזוי אויסגעזען גלייך ביי דער מערהייט פון די דעהזאָגער אין דער פאַמיליע — און אָט דער מאָדנער, פרעמדלעכער פּאַרשוין האָט אָנגעהויבן אַריינגיין אין שטוב אַריין.

דער אַלטער האָט זיך אַלץ נאָכגעפרעגט אויף דער „עקסיבישן", וואָס דער מיסטער קלאַנג, וועלכער האָט צוגענומען זיין יונגסטע און שענסטע טאָכטער — אַלע זיינע קינדער זענען געווען „די שענסטע און די בעסטע", ווען מען האָט זיי אויסגעכאַפּט — האָט דעמאָלט געהאַט אין דער וועסט־ענד.

מערי האָט דעם טאַטן באַרימעריש דערציילט וואָס די ציַיטונגען האָבן אַלץ געשריבן וועגן איר קלאַנגס „עקסיבישן".

קלאַנג האָט זיך אַרומגעדרייט פאַרלעגן אין דעם צימער, נישט געוואוסט אַקוראַט וואָס און וויאַזוי צו רעדן — ער איז שוין אַזוי לאַנג געווען אַוועק פון זיין היים אין רוסלאַנד און פון דעם סאָרט אַלטע יידן; געקוקט אויף דעם גרויסן ווייסן בעט, אויף די פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפישע פּאָרטרעטן פון מעריס באָבע־זיידע, וועלכע זענען געהאָנגען פון ביידע זייטן טיר (און אים אַזוי דערמאָנט אאין דעם פּרימיטיוון רוסאָס פּאָרטרעטן), ביז ער האָט פאַר־בלאָנדזשעט מיט די אויגן צו דעם „מענטלפיס" מיט די צענדליקער פאָטאָ־גראַפיעס פון די בייבים . . . ער האָט אַזש דעם אָטעם געמוזט אָפּכאַפּן . . .

— אָט דאָס איז אַן „עקסיבישן" . . .

דער אַלטער האָט אָנגעהויבן קוקן אויף דעם מיסטער קלאַנג ווי אויף עפּעס אַ הימישן לערנער. נו, מילא, וועט ער האָבן אַן אײדעם אַ לערנער אויך. — איז ער מרוצה געוואָרן.

מערניסט, אין דער היים פלעגט מען אַריינעמען אַ ישיבה־בחור מיט סמיכות אויף רב, נאָר דאָ . . . מילא, נו . . . איז ער גאָר אַן אַרטיסט! מען זאָגט — שמחה דער חכם אויך — אַז אויך די חברה קענען זיין רייך. ער ווייסט נישט. נאָר אַן אײדעלער יונגערמאַן זעט ער אויס צו זיין.

— ס'איז דאָ נאָך פלאַץ אויפן „מענטלפיס" פאַר דיינע אויך! — מערי האָט זיך אַזש שטאַרק פאַררויטלט. זי האָט ליב איר טאַטן ווי אַ טאָכטער האָט ליב אַ געזונטן מענלעכן פאָטער . . . און פון דעם שפּאַס האָט זי אינ־סטינקטיוו דערפילט, אַז איר מיסטער קלאַנג געפעלט אים שוין. זי האָט אומזיסט, הייסט עס, געטראַשעט אירע ברידער, אַז זי וועט מיט דעם מיסטער קלאַנג אַוועק קיין פּאַריז ווי זי שטייט און גייט, און אָן אַ חופה אפילו!

— פאַרוואָס נישט? — האָט דער מיסטער קלאַנג געענטפערט.

— אָט זעסטו, ביסט דאָך עפּעס אַ קינסטלער . . . לאָמיר זען זאָלסט וויזן אַ קונץ און קענען מאַכן אַזאַ „עקסיבישן"!

פון דעמאָלט אָן האָט מען דעם „מענטלפיס" אַ שטיק צייט גערופן מיט דעם נייעם נאָמען — „עקסיבישן".



א. נ. שטענצל

## אסטערס

זייערע פאַרבן נישט פון דער זון מער זיי זייגן —
פון געבראָכענע שטראַלן צעטריפטע אין רעגן;
און פונם געזאַנג פון די שוואַלבן זיי הערן
נישט די פרייד פון אָנקומען — דעם וויי פון געזעגן.

שטייען זיי גאַנצע טעג הכנעהדיק שטילע,
אין לאַנגע בין השמשות שעה ס'וואָלט זיך געצויגן!
נאָר אין אַלע פאַרבן צעשפּילט, שלאַנק און שטאָלץ,
אַ בין אָנגעפלויגן, זייער זאַפט צו זויגן — — —

## כריזאנטעמעס

די ווייסע כריזאַנטעמעס, אָנגעזאָפּטע, שווערע,
באַפלאַטערט אַ זומער־פייגעלע מיט לעצטן פלי;
אויף אַן אָפּגעריסן בלעטל, געבלאָזן פון ווינט,
פאַלט עס ראַפּטים אַרויף, אויף אַ פלאַטערדיקע זי.

איז עס דער גערוך פונם טויט, וואָס איז אַזוי זיס?
ווי פריידיק, ווי לוסטיק ס'צאַפּלט אויף מיט לעצטן צוק!
די ווייסע כריזאַנטעמעס שטייען פאַרמאַטערט מיד,
ווי זיך נישט צו באַפרייען מער פון אַ שווערן דרוק.

## דאליעס

דעם טויט, וואָס זיי טראָגן אים שוין טיף אין זיך,
ווילן זיי איבערשרייען מיט די קאָלירן;
זייער גאַנצער דופט, אפנים, פאַרנוצט זיך,
מען זאָל זייער טויט גערוך בלויז נישט דערשפּירן.

ווי זשעדנע זיי שטייען, נעבעכדיק, בריכיק,
אַ לעצטן שטראַל פון זון נאָך אַרויסצוקריגן;
נישט זומער־פייגעלעך באַפלאַטערן זיי —
זלידנע איבערפאַלן שוין פון מחנות טויט־פליגן.

## נעטיליעס

פון דראָטן די שטענגלעך וואָלטן געווען,
און די בלעטלעך פון בלעך אויסגעשניטן;
זיי זשאַווערן אין זון און אין רעגן,
ס'הערצל אינמיטן בלויז צו באַהיטן.

זיי שטייען נאָך אַזוי געפֿאַנצערטע,
נישט נאָר נ'רעגן — ווען שניי שוין וועט שיטן!
אַ פֿאַרוואָגלטע פֿאַרבלאָנקעטע בין
דעם לעצטן טראָפּן האָניק אַנצוביטן.

## סעפּטעמבער

דער אויסהויכנדיקער אָטעם, שווער אין דער לופֿט,
אין האַרץ זיך אַריינגעכאַפּט און וויאָנעט ווי אַ בלאַט,
באַלד וועט זון אַראָפּפֿאַלן — אַ בלום פֿון שטענגל!
פֿאַרזינקט זי נישט שוין אינם טײַכל דאָרט מאָנטנע־מאַט?

אַזאַ סמוטנעקייט ליגט שווער אויף אַלע זאַכן,
מײַן בליק איך האָב מורא אויפֿצוהייבן אינדערהייך:
שטייסט דו נישט איבער מיר, מיט אויגן באַהויכטע,
די ווערבע דאָ וואָס שטייט געבויגן שווער איבער טײַך?

שאָרכט עס אין געוויין, גייען טרעטשעס אין דײַן לײַב?
עס פֿלאַטערט אין מיר אַזוי שווידערדיק און קאַלט!
דײַנע אָרעמס, סמוטנע אַראָפּגעלאָזענע,
רינצלען מײַן פּנים מיט מרה־שחורהדיקן געפֿאַלד.

## סעפּטעמבער־וואָלקנדלעך . . .

פֿאַר דיר

1

גלײַך ווי דו פֿונקט וועקסלט זיך דער הימל,
אָט לויטער ליכטיק און שוין פֿאַרכמאַרעט גרוי;
מײַן האַרץ דיך טראָגנדיק, דיך וויגנדיק,
שווידערט דיר אַנטקעגן, צעציטערט אַזוי.

אין איין רגע, אינמיטן אויפֿלאַכן,
און ס'פֿאַרציִען דײַנע ליפּן זיך קאַלט און בייז,
בלײַבט מײַן האַרץ שטיין, פֿאַרשטײַפֿט און אָן אָטעם,
אַ פֿאַרשטילטער טײַך גלײַך, וואָס ליגט שוין אונטער אײַז.

2

ס'ביסעלע גרוי אַרום מײַנע שלייפֿן —
אַ סעפּטעמבער וואָלקנדל בלויז, ס'וועט באַלד אַוועק —
ס'האָט דײַן בליק פֿאַרכמאַרעט מיך אָנגעקוקט,
און איבער רגע כ'בין געוואָרן גרוי פֿון שרעק.



קוק דאָך מיך אָן צוריק גוט און ליבלעך,
און פֿון מײַן פּנים פֿאַרווישט באַלד יעטווידער פֿאַלד —
אַ גערינצלטער פֿאַרכמורעטער טײַך,
ווען אַ וואַרעמער שטראַל ליכטיק איבער אים פֿאַלט.

## אַ גאַנצע נאַכט דער רעגן פֿאַר מײַן פֿענסטער

1

אַ גאַנצע נאַכט דער רעגן פֿאַר מײַן פֿענסטער —
כ'הער דײַן אויפֿזיפֿצן און ס'וואָרפֿן זיך פֿון דײַן בעט;
מײַנע אויגן פֿול זײַנען מיט פֿינסטערניש,
און מײַן האַרץ ווי געלעגן ס'וואָלט אין „הינערפּלעט".

איז עס דער טויט שוין, איז עס די ליבע נאָך?
עפּעס צאַפּלט אין האַרץ אין גסיסה־פֿאַרגיי!
יאָ, „אַזוי שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע",
אָבער דאָס לעבן, אפֿנים, שטאַרקער פֿון זיי.

2

זאָל איך דײַן וויי נישט קענען דערפֿילן,
אַז דײַן ליבשאַפֿט אַזוי טיף איך האָב זי דערפֿילט?
נישט אין פֿינסטערניש — אין דײַן טונקל געמיט,
אין אַ שטילע תּפֿילה איך בין אײַנגעהילט:

זאָל דאָך מײַן ליבשאַפֿט באַגלייטן דײַן לעבן,
וואָרים וואָס איז עס אָן ליכטיקן פֿונק דערפֿון — —
אויף פֿאַררעגנטער נאַכט נאָך, אויף פֿינסטערסטער,
פֿאַלט דאָך דער שײַן נאָך פֿון אויפֿגייענדיקער זון.

3

נישט אויף דיר און נישט אויפֿן לעבן צומאָל
וועט אין מײַן האַרץ ווערן אָנגעברוגזט און בייז;
ס'ביסעלע ליכטיקייט מיר פֿאַרגינט געווען,
פֿאַלנדיקער שטערן גלײַך פֿון הימל געקרייז.

דו, כ'בין אַ שטערן געווען, כ'האָב געלויכטן,
ביי מײַן פֿאַלן נאָך געווונטשן ס'האָט זיך אַ מענטש!
צום געטראַפּ אויף מײַן פֿענסטער איך שעפּטשע צו:
פֿאַר אַלצדינג, וואָס געווען, זיי געלויבט און געבענטש.

4

די טראָפּן איצטער, וואָס טריפֿן אַזוי טריב,
וועלן זיך געלויטערט זאַמלען אונטערן אייז.
אַ לויפֿנדיקער טייך, אַ פֿינקלדיקער,
אויפֿלייכטן ווי נאָר זון וועט זיך טון אַ באַווייז.

יאָ. „אַזוי שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע",
אָבער פֿון ביידע נאָך שטאַרקער דאָס לעבן איז!
דאָס באַטריבסטע האַרץ נאָך ווי ס׳ווערט געלייטערט — —
דו, מיר וועלן לעבן, מיר מוזן לעבן, ביז — —
— — — — — — — — — — —

## האַלבע לבנה

ווער האָט זי אויפֿגעהאָנגען פֿאַר מיין פֿענסטער,
די יונגע לבנה נאָך אַזאַ רעגן־נאַכט?
מיט אַ האַלב פּנים האָט זי געקוקט אויף מיר,
און מיטן אַנדערן האַלבן מיך אויסגעלאַכט — —

עפּעס ווייסן זיי די וואָלקענעס אַ סוד,
וואָרים זיי ציען אַזוי סודותדיק און שטיל;
אָבער צי קען איך דען עפּעס טון דערצו,
אַז אינגאַנצן זיך נישט מער באַווייזן זי וויל?

האָב איך זי פֿינסטער אָפּגעוואַרט נאַכט פֿאַר נאַכט,
ביז אויף איינמאָל קלאָר פֿון וואָלקן זי איז אַרויס,
און מיט גאַנצן פּנים פֿריידיק מיך אָנגעקוקט:
דו, כ׳האָב זיך אַ טרער פֿון איין אויג אויסגעשווישט בלויז.

## וואָלקנס

צו קענען לייענען פֿון די ליכטיקע שטערן,
אין טונקלע ווערטער זיי צונויפֿשטעלן, איז נישט שווער,
אָבער פֿון פֿאַרפֿינסטערטן, פֿון שווערן וואָלקן,
וואָס הענגט איבער הימל, ווי צווישן וויעס אַ טרער?

זיץ איך ביים פֿענסטער, נעם מיר די אויגן אַרויס,
דאָס שווער־לייענעדיקע צו דערגיין און צו פֿאַרשטיין:
פֿון אַ קליין ביסעלע פֿרייד באַשטייט דאָס לעבן,
אָבער גאָר גרויס זיינען די ליידן און דאָס געוויין —
— — — — — — — — — —



ווי גרויס ווי אומענדלעך ס׳ציען זיך כמאַרעס —
ווערטער צעצויגענע פֿאַרקלעקטע פֿון אַ טרער!
איז עס פֿון דרויסן פֿאַרן פֿינסטערן פֿענסטער,
אָדער איבער מיין טיש דאָ קאַפּעט עס אָן־אויפֿהער?

## אַסיען בלומען

מיט דעם לעצטן נאָך, דעם אומעטיקסטן,
אַ מענטשלעך האַרץ דערפֿרייען צו וועלן!
און ס׳איז גאַנצע וועלט אַזאַ שטיל־לעבן,
כאָטש אויפֿן טיש זי אַוועקצושטעלן.

אַ פּאָר אַסיען־בלומען, פֿייכט־פֿאַרטרערטע,
און דאָס טרויעריקסטע שטיבל זיי באַלעבן;
דאָס גראָ פֿאַרגליווערטע גלאַנצט גלוסטיק אויף,
אַ ניואַנסל בלויז ס׳ווערט צוגעגעבן —

אין אַזאַ נאַכט האָט ווינצענט וואַן גאָך זיך
ווי אַ בלום אָפּגעשניטן זיין אויער,
און צו זיין געליבטע עס צוגעשיקט,
נישט גאַנץ אונטערגיין וועלט זאָל אין טרויער.

## מעג דער הימל ווי פֿאַרכמאַרעט זיין און גרוי

מעג דער הימל ווי פֿאַרכמאַרעט זיין און גרוי,
און פֿון פֿלייץ־רעגנס אַ צעווייקטע די ערד,
אַז דיין בליק נאָר מיינעם ליכטיק באַגעגנט,
ס׳ביסל בלוי אין מיין אויג אַ הימל באַלד ווערט.

דו, נישט אויבן איבער אונז דאָס איז הימל,
ווי נישט דאָס בלאָטיקע אונטער אונז איז ערד!
מיר ברויכן זיך דאָך נאָר אַרומצונעמען,
און די גאַנצע וועלט אויפֿאיינמאָל אויפֿהערט — —

טאָ וואָס מורא צו האָבן פֿאַרן לעבן,
אַז מענטש אין מענטשנס אָרעמס אַ גאָט גלייך ער ווערט?
אַ וואָרט נאָר אַרויסצורייד ן און ס׳געשעט — —
דו, צי קאָן נאָך גרעסערס מענטשן זיין באַשערט?

## שנעקן . . .

מיט דעם שלים, פֿייכט געלאָזן הינטער זיך,
ציען זיי גליטשיק זייער לעבנס־וועג;
עס וואַקסן זייערע הייזלעך מיט זיי מיט,
צוזאַם מיט די שווייסיקע זומער טעג.

ווי זיי שטרעקן דאָס גיריק די אויגן,
און ציען זיי איין פון אַ מינדסטן שרעק!
דעם קאַלטן ווינטער איבערצוקלעבן,
פאַרשלעפּט יעדער ס'הייזל אין טיפסטן דרעק.

ווי שליימיק, סלינעט איינס צום אַנדערן,
אַזוי רייסט שרעק איינס פון צווייטן אַוועק — —
איז זון נישט אויבן אויף הימל שוין אויך,
אַזאַ פייכט צוגעקלעבט שליימיקער שנעק?

## שפּינוועבעכץ

מיט וואַסער געשווינדיקייט און געשיקטקייט
זי פאַרוואַרפט דאָס אירע פעדעם פון בלאַט צו בלאַט,
און וויפיל דער רעגן רייסט זיי נישט איבער,
פריש צו פאַרוואַרפן נישט מיד זי ווערט און נישט מאַט.

איר בויך אויפגעוויקלט קיילעכיקער קנויל,
און דער אומענדלעכער פאַדים פון אים זיך ציט;
שטריקנדיקע שפּיזלעך, בויגיקע דינע,
וואַרפן זיך די פיסלעך אירע, פלינק און געניט.

ווי הערלעך אויסגעאַרבעט דאָס נעץ־געוועב
אוי! דאָס קונציקע שפּיגלדיקע פונקט אינדערמיט!
דאָס לעצטע שמעטערלינגל, אַ פאַרכשופטס,
ווערט צוגעצויגן ווי פון וווּנדערלעכן צוויט.

## אויף דער אויסגעלאָשענער ציגל־וואַנט

אויף דער אויסגעלאָשענער ציגל־וואַנט
גלאַנצן קריכפלאַנצן מיטן בלאַסק פון רעגן,
אַ גאַנשלע געקראָכן דערגראַבלט זיך,
אייעלעך אונטער זיי אונטערצולעגן.

נישט קיין ראַיענדיק שלענגל אין בלאָטע —
אַזאַ יאַגנדיק פיסל ס'איז אינגאַנצן!
און ווען ס'דרייט זיך שוין אויף ווערט עס גאַנץ אויג,
צו דערבליקן נאָך די גלאַנציקע פלאַנצן — — —

אַז די ערשטע זון נאָר וועט אויפשיינען,
וועלן פון די שפּאַלטן צווישן די ציגל,
לוסטיק אויפפליען פריידיק צעפלאַטערט,
זומערפייגעלעך מיט ליכטיקע פליגל.



מאָריס קאַץ

## דער נצחון

(אַ פראַגמענט פון אַ נייער דראַמע — קאָפּירייט ביים מחבר)

**נחמן:** חברים וחברות, איר ווייסט, אַז לויט אַ באַשלוס פון אונזער צענטראַל קאָמיטעט פאַרלירן מיר היינט איינעם פון אונזערע בעסטע חברים. דער גורל איז געפאַלן אויף אונזער יעקב. באַלד וועלן מיר הערן אַ געוואַלדיקן אויפרייס. שמואל און קלמן האָבן גענומען אויף זיך אים צו באַגלייטן ביז צום ראַטהויז. יעקב האָט זיך גוט אַרומגעגאַרטלט מיט שטאַרקן אויפרייס־מאַטעריאַל. מען האָט אויך געזאָרגט, אַז ער זאָל קענען אַריינקומען אינעווייניק, ווו די דאָקומענטן געפינען זיך פון אַלע איינוווינער אין שטאָט. אַלץ וועט דאָרט צוזאַמען מיט אים אויפגעריסן ווערן.

**יהודה:** איז עס טאַקע געלונגען צו באַזאָרגן די נויטיקע דאָקומענטן?

**נחמן:** יאָ, אַלץ איז אין אָרדנונג. נאָכן אויפרייס וועט די ענגלישע מאַכט מער נישט קענען נאָכקאָנטראָלירן קיינעמס אידענטיטעט, צי זי איז עכט צי פאַלש. אַלע לעצטנס געקומענע עולים און די, וואָס וועלן קומען, וועלן באַזיצן אַן אידענטיטעטס קאַרטע, פון אונז אויסגעשטעלט. און מען וועט מער נישט ברויכן ציטערן אָפּגעשטעלט צו ווערן פון דער ענגלישער פּאָליציי. נאָכן אויפרייס וואַרטן מיר צו אַ האַלבע שעה. דערנאָך וועט איר, חברים — שלמה און יהודה — אָנפירן מיטן באַפרייען די אַרעסטירטע חברים, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג אָנגעקומען אין לאַנד און זיי באַזאָרגן מיט די געהעריקע דאָקומענטן איידער די מאַכט באַוויזט זיי אַרויסצושיקן פון דאַנען. איך מיין, אַז מען דאַרף אייך נישט נאָך אַמאָל דערמאָנען אין דער אחריות, וואָס איר טראָגט און וועט זיין פאַרזיכטיק מיט אייערע וואָפנס. האָט ווער פון אייך אַ פראַגע צו שטעלן? (נחמן קוקט אויפן זייגער).

**יהודה:** איך גלויב אַז מיר דאַרפן שוין גיין. מיר טרעפן זיך מיט דער גרופּע, וואָס דאַרף אונז העלפן, אין געסל פאַר דער תפיסה פונקט זעקס אַזייגער.

**נחמן:** איר האָט נאָך צייט, ווייל כל־זמן מען הערט נישט דעם אויפרייס זענען מיר געצוווּנגען זיך אינגאַנצן אָפּצוהאַלטן. פאַרשטייט, חברים, אַז דאָס קען אייך געלינגען נאָר בשעת די פּאָליציי איז פאַרנומען מיט די פאָלגן פון אויפרייס. ווייניק וועלן דעמלט זיין אויף דער שמירה.

**שלמה:** אָבער דער אויפרייס איז דאָך געווען באַשטימט אויף האַלב זעקס, און עס איז שוין צען מינוט נאָך האַלב זעקס.

**נחמן:** (קוקט אויפן זייגער) אמת, אָבער מען מוז דאָך צווואַרטן.

**שלמה:** באַלד ווי דער גורל איז געפאַלן אויף יעקבן האָב איך באַקומען אַ מורא, אַז אויף דעם פרומאַק איז זיך נישט צו פאַרלאָזן!!

**משה:** מעגלעך, אַז עס איז נישט זיין שולד; מעגלעך, אַז עפּעס האָט פּאַסירט, אָדער זיינע עלטערן האָבן אים געשטערט.

**שלמה:** אהא, ס'מזרחיסטל נעמט זיך שוין אָן פאַר אים! ער איז דאָך נישט קיין אָנהענגער פון מזרחי.

**רחל**: עס קען זיין, אַז משה האָט רעכט. זיינע עלטערן האָבן שוין פאַרלוירן צוויי זין אין קאַמף מיט נאַצי־דייטשלאַנד. יעקב איז דאָס איינציקע קינד, וואָס איז זיי איבערגעבליבן.

**נחמן**: חברים, מיר פירן דאָ נישט קיין פאַרטייאישע דיסקוסיעס: אגודה, מזרחי, רעכטס צי לינקס. אַלע שטייען מיר אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון אונזער לאַנד! איך בעט אייך דעריבער זיך מער נישט צו באַנוצן מיט פאַרטייאישע שלאַג־ווערטער. מיר וועלן דערווייל צוואַרטן מיט געדולד און נישט מיט פאַראורטיילן, ווייל יעדער חבר איז איבערגעגעבן דעם קאַמף מיט לייב און לעבן. (קוקט ווידער אויפן זייגער).

(עס הערשט אַ מינוט פון אָנגעשטרענגטער שטילקייט. באַלד הערט זיך אָן אויפרייס:

**נחמן**: ענדלעך! (שטעלט זיך אויף). איך בעט אייך אויפשטיין און אָפּגעבן כבוד המת אונזערס אַ קדוש! (אַלע בלייבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ). תודה! איצט, חברים, מוזן מיר נאָך צוואַרטן אַ צוואַנציק מינוט.

## שמואל קומט אריין

**נחמן**: שמואל וואָס האָט פּאַסירט? פאַרוואָס האָט איר פאַרשפּעטיקט מיטן אויפרייס?

**שמואל**: איך האָב געמוזט אַהיימפירן יעקבן.

**שלמה**: אָ, דער פרומאַק האָט עס טאַקע נישט אויסגעפירט!

**שמואל**: ניין. קלמן האָט עס אויסגעפירט. און דו (צו שלמהן) רעכן דיך מיט די רייד! עס איז בכלל נישט זיין שולד. הלואי וואָלטן מיר געהאַט אַ סך אַזעלכע „פרומאַקעס" ווי יעקב. ער איז געגאַנגען צו דער עקידה ווי צו אַ טאַנץ.

**נחמן**: דערצייל אונז וואָס האָט פּאַסירט!

**שמואל**: (דערציילט) יעקב האָט אונז געבעטן אים צו באַגלייטן אַהיים, כדי צו לאָזן וויסן דעם פאָטער און זיך מיט אים צו געזעגענען. אַריינקומענדיק אין שטוב, האָבן מיר געטראָפן יעקבס פאָטער זיצן ביי אַ גמרא און לערנען. יעקב האָט אים דערקלערט וואָס ער גייט טון און אַז ער איז געקומען זיך געזעגענען. דער פאָטער ווי אַ צוגעשמידטער, האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. דערנאָך איז יעקב אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער, כדי זיך איבערצוטון. אַזוי ווי מיר זענען געבליבן אַליין מיטן פאָטער האָבן מיר אים געוואָלט אַביסל אויפקלערן און טרייסטן. פלוצלונג האָט זיך אָבער דער פאָטער געגעבן אַ שטעל אויף און איז צו צום פענסטער, אויפהייבנדיק די הענט צום הימל און אויסברעכנדיק אין אַ ביטער געוויין: „רבונו של עולם", האָט ער געשריגן, „אַז אברהם אבינו האָט מיט טויזנטער יאָרן צוריק געברענגט יצחקן אויף דער עקידה, קענען מיר דאָס ביזן היינטיקן טאָג נישט פאַרגעסן; און יעדן טאָג ביים דאַווענען דערמאָנען מיר דיך אין דעם. דערביי איז עס נאָר געווען אַ נסיון. איך, טאַטע זיסער, האָב דיר שוין אָוועקגעגעבן צוויי זין אויפן שלאַכטפעלד מיט נאַצי־דייטשלאַנד, און איצט גיב איך דיר דעם דריטן, דעם איינציקן זון, וואָס איך פאַרמאָג נאָך, אַן אַ נסיון! אָבער זאָל שוין נעמען אַ



סוף צו די צרות!! העלף שוין, גאָט, זאָל שוין קומען די גאולה! שוין צייט! עד מתי?!" איך און קלמן זענען געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן. איך וועל דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. און ווען יעקב איז צוריק אַריינגעקומען, האָט זיך דער פאָטער מיט אים געזעגנט און אונז אָנגעווונטשן, אַז מיר זאָלן מצליח זיין... יעקב האָט מיט אַ שמייכל צו אים געזאָגט: „ווייסט, טאַטע, אַמאָל האָבן טאַטעס געווונטשן זייערע קינדער צו דערלעבן משיחן; איך, טאַטע, וועל שוין משיחן נישט דערלעבן. אָבער דו — יאָ! דו וועסט משיחן יאָ דערלעבן"...

מיר זענען דאַן געגאַנגען צום אַמוניציע־לאַגער. אויפן וועג האָט קיינער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. קלמנען און מיר איז דאָס בילד געשטאַנען פאַר די אויגן. (נעמט אַרויס אַ טיכל און ווישט זיך די אויגן. אייניקע חברים טון דאָס זעלבע).

**נחמן**: און וואָס האָט נאָך דעם פּאַסירט?

**שמואל**: ווי מיר זענען אַריין אין לאַגער, איידער איך האָב נאָך באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, האָט קלמן אַ כאַפּ געטון אַ שטיק האָלץ און פון הינטן געגעבן יעקבן אַ זעץ איבערן קאָפּ, אויסשרייענדיק: „נישט ער, נאָר איך וועל אויספירן דעם אויפרייס!" האָב איך געזאָגט, אַז מיין טאַטע וועט האָבן אַ זון ווייניקער, וועט אים נאָך אַלץ בלייבן דריי בנים. איך שווער אייך, אַז ווען קלמן וואָלט נישט געהאַט דאָס שטיק האָלץ אונטער דער האַנט, וואָלט איך עס געטון מיט מיינע ידים. (ער ווייזט זיינע פויסטן). די חברים פון לאַגער האָבן זיך אַריינגעמישט און מען האָט געוואָרפן גורל צווישן מיר און קלמנען; און עס איז אויסגעפאַלן אויף אים. איך האָב דאַן גענומען אַן אויטאָ און אָוועקגעפירט יעקבן אַהיים. ווען איך האָב אים אַריינגעבראַכט אין שטוב, האָט זיין פאָטער געפרעגט וואָס עס האָט פּאַסירט. איך האָב אים געענטפערט, אַז גאָט האָט געוואָלט, אַז דער „עקידת יעקב" זאָל אויך זיין בלויז אַ נסיון... איר וועט זיך זיכער וווּנדערן פונוואַנען אַ לינקער ווייסט אַזוי צו רעדן! גלייבט מיר אָבער, אַז אַזעלכע טאַטעס ווי רב יצחק זענען אַ שטאָלץ פאַר אונז.

**נחמן**: מיר קענען מיט יעדן פון אייך שטאָלצירן. (קוקט אויפן זייגער און ווענדעט זיך צו יהודהן און שלמהן): חברים, עס איז פונקט צייט. איר דאַרפט גיין.

**שלמה**: איידער מיר גייען וויל איך אייך בעטן מיר צו געבן אייער וואָרט, און ספּעציעל דיך, משהלע, אַז איר וועט נישט אויסזאָגן יעקבן, אַז איך האָב געהאַט וועגן אים אַ שלעכטע מיינונג. איר פאַרשטייט דאָך ווי איך פיל זיך איצט...

**משה**: (לייגט אַרויף די האַנט אויפן האַרצן) מיין וואָרט!

**אלע**: מיר וועלן עס אַלע פאַרגעסן. (געזעגענען זיך. שלמה און יהודה אָפּ).

**נחמן**: (נעמט אַרויס אַן אָנגעשריבן פּאַפּיר פון בוזים־טאַש און זאָגט צו משהלען): משהלע, נעם דאָס פּאַפּיר און גיי צוריק אין דער דרוקעריי. זאָג זיי, אַז מאָרגן זאָל עס זיין פאַרטיק.

**שמואל** (צו משהן) וואָרט, איך גיי אויך.

## אביגדור המאירי (פויערשטיין)
### צו זיין באַזוך אין לאַנדאַן


אביגדור המאירי

דער העברעאישער שרייבער אביגדור המאירי — אויסטערליש מערקווירדיק מיט זיין פילזייטיקן שאַפן — כמעט אויף יעדן געביט פון וואָרט־יצירה: דיכטער, דערציילער, עסייאיסט, דראַמאַטיקער, שפראַך־פאַרשער א.א.וו., מערקווירדיק מיט זיין שטורמישן טעמפעראַמענט, מיט זיין שטענדיקן זוכן נייע וועגן, מיט זיין שטורמען קעגן דעם שטאַרם, קעגן די אָנגענומענע פאַרמען און אידייעס,—איז שוין געווען מערקווירדיק מיט זיין ערשטן דערשיינען אין דער העברעאישער ליטעראַטור, אַלס פאַר פערציק יאָר איז אַרויסגעקומען זיין ערשט לידער בוך „משירי אביגדור המאירי" אין בודאַפעסט, אונגאַרן, אַ לאַנד וואָס איז געווען כמעט פאַלקאָם פרעמד דער נאַציאָנאַלער יידישער רענעסאַנס פון סוף 19־טן און תחילת 20־טן יאָרהונדערט: פון איין זייט גרינדלעכע אַסימילאַציע און ווילדע פרומאַטסווע, פון דער אַנדערער זייט — בפרט אין דעם סלאָוואַקישן טייל פון דעמאָלטיקן אונגאַרן פון וואַנען אונזער דיכטער שטאַמט. אויף הערצלס רוף האָבן זייערע רבנים (צווישן זיי גרויסע געלערנטע און תלמידי חכמים) זיך דערקלערט אַלס אונגאַרן וואָס האָבן קיין צוזאַמענהאַנג מיטן כלל ישראל אין דער גאַרער וועלט מחוץ דורך דער בשותפותדיקער רעליגיע!...

און פלוצלונג קומט פון דאָרט אַ לידער בוך אין מאָדערנעם דיכטערישן העברעאיש, דורכגעדרונגען מיט נאַציאָנאַלן טעמפעראַמענט, מיט שיינע קלינגענדע ריימען. די מאָטיוון זענען נישט נייע, — בענקענישן פון אַ יונגער פּאַעטישער נשמה, רעפלעקסיעס פון דער אַרומיקער נאַטור; מאַנכע עכט יידישע מאָטיוון זענען אין דער העברעאישער ליטעראַטור געווען שוין עבר־זמן, נאָכקלאַנגען פון שוין באַלד פאַרגעסענעם משכילים. אָבער ניי און פריש איז געווען דער אויסדרוק, גליענד שטורמיש דער יוגנטלעכע טעמפעראַמענט. די שירים זענען געווען אַלגעמיין גוט אויפגענומען, אונזער דיכטער האָט נישט געדאַרפט דורכמאַכן די אַלע מאַטערנישן פון אַ ניי־געקומענעם; ער האָט נישט געדאַרפט קיין המלצות, קיין שום שושבינין (אונטערפירערס) אין דעם היכל פון העברעאישער יצירה.

גראד ביי זיין שטודירן אַ צייט אין בערלין איז אויסגעבראָכן די ערשטע



וועלט מלחמה, אין וועלכער אביגדור המאירי באַטייליקט זיך גאַנץ אַקטיוו אַלס אונגאַרישער אָפיציר, קעמפט מיט דער אונגאַרישער אַרמיי קעגן די רוסן, ביז ער פאַלט אַריין אין רוסישער געפאַנגענשאַפט, צוערשט נאָך אונטער די צאַרישע קאָזאַקן, שפעטער אינם צעווילדעטן, צעיושעטן רוסלאַנד אין דער צייט פון בירגער־קריג. ער דערשלאָגט זיך קיין אָדעס — און מיט דער הילף פון מאַקסים גאָרקי (דורך די השתדלות פון ביאַליק) געלינגט אים מיט אַ גרופּע דיכטער און שרייבער צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און קומען קיין ארץ ישראל (1921) ווו ער לעבט עד היום.

דאָס זענען די אויסערע דאַטן פון אביגדור המאירי׳ס ביאָגראַפיע. די אַנדערע וויכטיקערע דאַטעס פון זיין לעבן וואָס איז מער וויכטיק פאַר אונז זענען זיינע ווערק, ווי געזאָגט, כמעט אויף יעדן געביט פון דער וואָרט־יצירה און אין אַלע פאָרמען: זיינע דיכטונגען אין פערד־פאָרם זענען געזאַמעלט געוואָרן פאַר עטלעכע יאָר אין אַ גרויסן באַנד — געקרוינט געוואָרן מיט מוסד־ביאַליק פרייז. אביגדור המאירי האָט אויך באַקומען דעם מאַקס־נאָרדוי פרייז פאַר שיינער ליטעראַטור, און כאָטש דער אויסערער אָנערקענונג איז ער געבליבן דער פאַרטיזאַן אין דער העברעאישער ליטעראַטור, מיט זיין פאָרם פון יצירה, מיט זיין שטורמישן טעמפעראַמענט, מיט זיין מאַקסימאַלן שטרעבן צום אַבסאָליוטן אמת, נישט באַנוגענען זיך מיט קאָמפּראָמיסן, נישט נאָכגעבן פון זיין אמת, פון זיין איבערצייגונג וואָס קומט פון זיין אייגענעם מהות.

אביגדור המאירי איז גאַנץ דורכדרונגען מיט די גרויסע פּראָגרעסיווע קולטור אידעאַלן וואָס האָבן געהערשט אין אייראָפּע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט הייס געגלויבט אין אָט די דאָזיקע אידעאַלן, פון אָט דער פּראָגרעסיווער־אייראָפּעאישקייט האָט ער נאָך עד היום זיין יניקה — (וועלכע האַרמאָניזירט מיט זיין געלויטערטן יידישקייט די יהדות הצרופה) — זיין אמונה און אָט די אידעאַלן איז צום ערשטן מאָל פאַרשוועכט געוואָרן אינם גרויסן ערשטן קריג, וועלכן ער האָט געגעבן אַן אויסדרוק אין זיינע צוויי גרויסע ספרים: „השיגעון הגדול" (דער גרויסע שיגעון) און „בגיהינום מטה" (אין אונטערשטן גיהינום). ווי אויך אין אַ רייע קורצע דערציילונגען וועלכע זענען שפעטער געזאַמעלט געוואָרן אונטער דעם נאָמען „תחת שמים אדומים" (אונטער רויטע הימלען).

עס זענען פאַראַן גרויסע הומאַניסטישע ווערק איבער דעם ערשטן וועלט קריג פון די באַרימטסטע הומאַניסטן ווי ראָמאַן ראָלאַן און אַנדערע אין פראַנקרייך, דאָס קלאַסישע ווערק פון רעמאַרק „נישט קיין נייעס אין מערב". די בעסטע מאָדערנע שריפטשטעלער אין רוסלאַנד, האָבן די ערשטע אימפעריאַליסטישע וועלט־מלחמה געזען דורך זייער רעוואָלוציאָנערער פּערספּעקטיוו, — אין די אַלע שילדערונגען איז באַהאַנדלט געוואָרן די בעסטיאַלישקייט פון קריג בכלל, אָבער ס׳האָט געפעלט אַ גרויסער ט י י ל פון דער טראַגעדיע־מ ל ח מ ה: דער מצב פונם יידן, פונם יידישן סאָלדאַט אין דער מלחמה; זיין באַוווסטזיין אַז אויף דער זייט פונם „שונא" שטייט אַן אַנדער

ייד, בשר מבשרו, אַ ברודער — וואָס אין יאָרצייט קאָן מען אים איבער דעם געשטעכלטן דראָט און דורך די גיהינומישע פייערן מצרף זיין צו אַ מנין.... אַזוי ווי אין א. המ. „בשאר סתיו מבורך" (אין אַ געבענשטן האַרבסט מאָרגן).

אָט די יידישע טראַגעדיע פונם ייד אין דער מלחמה, זיין פרעמדקייט אין אַ פרעמדער וועלט, אַפילו אין זיין אייגענעם „פאַטערלאַנד", איז מיט בלוט און טרערן־שחור על גבי אדום — שוואַרץ אויף רויט — אויסגעדריקט אין אביגדור המאירי׳ס דריי פּראָזע־ספרים „השיגעון הגדול", „בגיהינום של מטה" און אין דעם געזאַמעלטן ספר פון זיינע קורצע דערציילונגען, „תחת שמים אדומים" ווי אויך אין אַ סעריע לידער „טעם מיתה".

זיינע שילדערונגען זיינען נישט שטרענג רעאַליסטיש, מאַנכע לייענט מען אַזוי ווי אַ שרעקלעכע לעגענדע פונם גיהינום, וועלכע נאָר דער דמיון פונם שטן מיט זיינע מלאכי־חבלה האָט געקאָנט אויסטראַכטן. אָבער דעם מאָדער־נעם יידישן לייענער זענען נישט אומגלויבלעך אויך דאָס שרעקלעכסטע און אונמענטשלעכסטע

אין אָט די שאַפונגען איז אביגדור המאירי מיט אַלע זיינע כאַראַקטעריס־טישע איינצלהייטן פון זיין גרויסן טאַלאַנט, — מיט זיין גרויסן צאָרן, מיט דעם חרון אין־אונים (דעם אומעכטיקן צאָרן) וואָס ברענט מיט אינם נביאישן פייער איבער די פאַרשוועכטע מענטשלעכע אידעאַלן, מיט זיין ווייטיקדיקן רחמנות צו די ליידנדע און אונטערדריקטע, מיט זיין טעמפּעראַמענטפולן וואָרט — אַ וואָרט פון אַ מוכיח, וועלכער שרייט זיין אמת אַרויס אין דעם ווילדן מדבר פון דער היינטיקער וועלט.

אויך אין ארץ ישראל קאָן ער נישט רוהיק צוזען קיין עוולות — און ער קריטיקירט, זאָגט אַרויס זיין צער אין אַ סעריע לידער „המוקד הרן" (דאָס זינגעוודיקע פלאַם־פייער), און אין אַ רייע פּובליציסטישע אויסגאַבעס: „לב חדש", „המחר" (דאָס נייע האַרץ, דער מאָרגן) א.א. דער קאָמוניסטישע זידלונגס פאָרם דעם קיבוץ, ווידמעט ער אַ גרויסן ראָמאַן, „תנובה" (פּרוכט). אויך שאַפט ער פאַר דעם טעאַטער, גרינדעט אַליין אַ טעאַטער, דעם סאַטירישן „קומקום" (דער טשייניק) וואָס מיט אַ געענדערטן נאָמען „המטאטא" (דער בעזעם) עק־זיסטירט נאָך עד היום.

נאָך זיין נסיעה איבער אייראָפּע פאַר דער לעצטער מלחמה — „מסע באירופה הפראית" — אַ רייזע איבער דער ווילדער אייראָפּע, וו ער האָט שוין געפילט דעם קומענדיקן חורבן אונזערן, און נאָך דעם חורבן האָט אביגדור המאירי נישט געקאָנט איבערגיין ווי פילע אַנדערע אונזערע דיכטער צום „סדר היום" פון רוהיקער יצירה, און ער האָט זיין צאָרן און שמערץ אויסגע־דריקט אין אַ צוויי־טייליקן ספר „המשיח הלבן" (דער ווייסער משיח). אויף וויפיל ער האָט אויך אונזער צאָרן און שמערץ געבראַכט צום אויסדרוק אין אָט דעם ספר — איז נישט קיין פּלאַץ אין אַ קורצער סקיצע. דאָ וויל איך בלויז דעם יידישן לייענער דערציילן קורץ איבער דעם גרויסן העברעאישן דיכטער אביגדור המאירי — און געבן דעם דיכטער אַ האַרציקן ב ר ו ך ה ב א!



י ל. פיין

## געווידמעט אברהם סוצקעווער ביי זיין באזוך אין לאנדאן, 1950

(„ויאמר ה׳ אל אברם לך לך מארצך וממולדתך")

גאָט האָט באַפעלט אברהם אונזער זיידן,
אַז ער זאָל מיט זיין געבורט־לאַנד זיך שיידן,
און ער זאָל גיין אין אַ פרעמד לאַנד
וו ס׳וועט אים פירן גאָט׳ס האַנד.

און ווי גאָט האָט געהייסן האָט אברהם געטאָן,
און ער איז אַוועק אין דער לאַנד כנען.
נאָר עטלעכע טויזנט יאָר שפּעטער
באַווייזן די געשיכטע־בלעטער —
אַז אינם זעלבן לאַנד כנען
קעמפט גאָר אברהם אפּאַרטיזאַן.

אויך דער אברהם, ווי זיין אַלטער זיידע,
האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין שטאָט, זיין עדה.
אָבער אים האָט געפירט נית גאָט׳ס האַנד
אויף זיין שווערן וועג צו ס׳נייע לאַנד.

נאָר אים האָט געפירט זיין ווילן און מוט,
דורך פינסטערע גברים, דורך ימים פון בלוט;
צווישן די צוריסענע גלידער
פון זיינע אייגענע ברידער
איז ער געקראָכן, געגאַנגען; צווישן טויטע געלעבט,
און אין האַרץ האָט ער האָפנונג מיט ראַכע געוועבט...

און אָט דעם אברהם, דעם איניקל פון אַלטן זיידן
וואָס האָט מיט ירושלים דליטא געמוזט זיך שיידן,
קען מען יעצט זען
שטייענדיק מיט ביקס און פען
פעסט אין האַנד
אין ישראל לאַנד.

מיטן ביקס פאַר׳ן פיינט,
מיט דער פען פאַר׳ן פריינט
שטייט ער מיט אַ האַרץ וואָס פילט,

און ער צילט, און צילט,
אַז סאַי זיין קויל און סאַי זיין וואָרט
זאָל טרעפן אינם ריכטיקן אָרט.
און אין ציל ער טרעפט!
און ער שאַפט, און שאַפט.

זיין „געהיים־שטאָט" וועט אַ מאָנומענט בלייבן
פאַר די וואָס ייִדיש לעזן־שרייבן,
און אויך זיין „גאָלדענע קייט"
וועט זיך ציען ווייט און ברייט
מיט רינגען וואָס ער טוט שמידן
פאַר ישראל, און אויך פאַר גלות ייִדן...

---

## י. ה. לעווי

## „אומלעגאַלע ייִדן שפּאַלטן ימים"

דאָס איז נאָך אַ בוך — וואָס באַלאַנג צו דער סעריע וויכטיקע ביכער: וועלכע זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן „צענטראַלפאַרבאַנד פון די פּוילישע ייִדן אין אַרגענטיניע", רעדאַקטירט פון מאַרק טורקאָוו, פאַרלאַג־לייטער אברהם מיטעלבערג. דאָס דאָזיקע בוך מאַכט בכלל אַן עסטעטישן איינדרוק אַדאַנק דעם גוטן פּאַפּיר, קלאָרן דרוק, אינטערעסאַנטע בילדער און פאָרוואָרט פון רות קליגער.

ש. איזבאַן, וועלכער האָט שוין זיינע באַשטימטע פאַרדינסטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור, — האָט זיך יעצט נאָך מער קונה שם געווען מיט דעם לעצטנס דערשינענעם אַקטועלן ווערק: „אומלעגאַלע ייִדן שפּאַלטן ימים".

מחמת דאָס זענען נישט אַליין נאָר רעפּאָרטאַזשיסטישע שילדערונגען פון אַ געניטן אָבסערוואַטאָרישן זשורנאַליסט; נייערט אויך טיפע — און פיל מאָל גאָר רירנדיקע איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן פּליט: מיט אַלע זיינע ליידן און פריידן, פאַרביטערונגען און די שבעה מדורי גיהנום וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין אַלס אַ ייִדיש־זשורנאַליסטישער אָבסערוואַטאָר, — וואָס האָט אויף זיך פרייוויליק גענומען דעם שווערן עול, די ביטערע פּיין פון אונזערע אויסגעוואָרצעלטע ברידערס טרויעריקן גורל. וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי האָט נאָך עד היום נישט געפונען קיין מקום מנוחה אין דער גרויסער ברייטער וועלט, אין וועלכער ס'הערשט שוין מישטיינס געזאָגט אַ יאָרן לאַנגער פרידן... און מחמת דעם איז ער פּשוט געצוווּנגען געוואָרן מיטצומאַכן — די שוידערדיק דראַמאַטישע אַוואַנטורע, אויף אַ גאָר טראַגי־קאָמישן אופן... און דערפאַר טאַקע דאָס גרויסע פאַרשטענדניס, די רחמנות־פולע איבערגעגעבנקייט, און די אומבאַגרעניצטע ליבע... לייענט זיך טאַקע דאָס בוך מיט אַן אויס־



טערלישן אינטערעס, ווייל עס דערציילט אויף אַן אָריגינעלן אופן: יעגן די אַלע קוריאָזיטעטן און פּשוט פאַנטאַסטישער געטרייקייט פון די חסידי אומות־העולם — די מאַטראָזן און קאַפּיטאַנען וואָס האָבן זיך פּשוט מוסר־נפש געווען פאַר דער ייִדישער אומה...

און עס קלינגט אַפּטמאָל אויך גאָר ווי רובינזאָן קרוזאָעס — „טויזנט און איין נאַכט" געשיכטן, הגם סאיז אַלעס אַזוי אומברחמנותדיק רעאַל און בלוטיק וואָר... צווישן די גאַלעריאַ פון גאָר מאָדנע און עקזאָטישע טיפּן געהערט דער 62 יעריקער נאָרוועגישער קאַפּיטאַן: וואָס האָט געהאַט אַ מערקווירדיקע באַשעפטיגונג, ווי ש. איזבאַן דערציילט אונז — „האָט ער געפירט נאָך פאַר דער ערשטער מלחמה: דאַמפּערס אויפן איסט־ריווער, און זייער אַפּט געהאָלפן אַריבערכאַפּן די מתים פון בעלוויו־האָספּיטאַל, איבערן טייך צו פאַטערס־פעלד. דאָס איז אַ טשיקאַווע באַשעפטיגונג פאַר אַ קאַפּיטאַן — צו פירן אַ לאַדונג פון מתים איבערן טייך... און ווער זענען דאָס געווען זיינע מתים? צומייסטן זענען זיי געבראַכט געוואָרן פון אינסטיטוציעס פון גייסטיק־קראַנקע און פון שפּיטאָלן פאַר היימלאָזע, אָדער פון פאַמיליעס, וואָס האָבן נישט געהאַט אויף באַגרעבניש־הוצאות. אָבער צווישן אָט די אָרעמע, היימלאָזע מתים האָט זיך אָפט אויך פאַרוואַלגערט אַן אמתער פּרינץ... און פאַרוואָס האָט ער איצט געוואָלט אַרבעטן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג? —פאַרוואָס האָט עס באַשלאָסן אַרויסצופירן אויף שיפן די לעבנגעבליבענע ייִדן פונעם אייראָפּעאישן טויטנטאָל? ווייל ווען ער פלעגט פירן איבער איסט־ריווער זיינע „מתים שיפן" צו דער באַגרעבעניש, האָט ער געניי געוווּסט פון וואָס פאַר אַ עלעמענטן די טויטע זענען. ער האָט געוווּסט: אַז אַלע זענען אָרעם ווי די „קירכן־מייז", אָבער זעלטן האָט אויך פּאַסירט אַז מען האָט געזוכט אין די אָרעמע צימערן פון אַזעלכע טויטע — האָט מען געפינען דאָרט אוצרות. עס זענען אויך געווען מתים אין געפּוצטע טרומנעס, אפילו מיט בלומען, אָבער קיין געלט צובאַגראָבן זיי בכבוד איז נישט געווען. איינמאָל ווען זיין מתים־שיף האָט געדאַרפט אָפּשווימען פון איין איסט־ריווער צום צווייטן, איז אָנגעקומען צו לויפן אַ ייִדישע פרוי אין שמאַטעס און געשריען אַז זי וויל נישט דערלאָזן, אַז איר קרוב — איינער פון די מתים אויף דער שיף זאָל באַגראָבן ווערן אַנאָמענלאָזער. זי האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ קויש אַ ברייטן טלית, און דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַן ער זאָל דאָס אַרויפציען אויפן מת. זי האָט גלייך אויסגעזוכט צווישן די טויטע איר קרוב, ווען מען דער קאַפּיטאַן האָט געדאַרפט שענקן באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. דער קאַפּיטאַן האָט באַטראַכט דעם טלית, באַוואונדערט דאָס געוועב פון דעם שטאָף, געזוירן אַנטציקט פון דער גאָלדענער עטרה און צוגעזאָגט דער אָרעמער פרוי אַז ער וועט איר בקשה דערפילן. יענער עפּיזאָד האָט אין דעם מאַטראָז אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקע נייגיריקייט צו יענע מענטשן וואָס טראָגן טליתים. ער האָט אויך גענומען אינטערעסירן זיך מיט פרומע ייִדן, געוואָלט וויסן זייער אַרט לעבן. די אינפאָרמאַציע האָט אים איבערצייגט, אַז טראַדיציע־ייִדן זענען נישט בלויז עקזאָטיש־אַנ־

דערש, ווי אַלע אַנדערע מענטשן, וואָס ער האָט באַגעגנט — נאָר אַז זייער אַנדערשקייט איז אַ רעזולטאַט פון אַ פיינפולן, יסודיסדיקן לעבענסגאַנג דורך טויזנטער יאָרן. איין אינפאָרמאַציע האָט געפירט צו דער צווייטער, און אונזער מתימקאַפיטאַן האָט גענומען שטודירן דעם יידישן גלות. זיינע דערוואָרבענע קענטעניש האָבן אים פאַרוואַנדלט, — פון אַ קאַלטן טרוקענעם גוי — איז אַ הייסן יידן־פריינט. ער איז געוואָרן אַן אַנהענגער פון די יידיש־נאַציאָנאַלע שטרעמונגען. אלס „צוריקגעצויגענער" זייענדיק אויף דער פענסיע ביים אַנקל „סעם", האָט ער מיט אייפער גענומען נאָכציילן אַלע עוולות וועלכע מ'איז באַגאַנגען קעגן יידישן פאָלק. ער האָט רעגיסטרירט ווי אַ פלייסיקער בוכהאַלטער, אַלע געבראָכענע הבטחות, אַלע צעטראַמפּענע דעקלעראַציעס, אַלע פאַראַטענע אפּמאַכן.

דער אומקום פון 6 מיליאָן יידן האָט אויך אַנשיידנדיק געווירקט אויף זיין סטאָאישן לעבענסקוק. און אונזער רואיקער נאָרוועגער וואָס האָט קינדווייז געלעבט אַרום די קאַלטע פיאָרדן אין זיין היימלאַנד, איז איצט געוואָרן אַ היציקער גוי. ער האָט גענומען מאָנען גערעכטיקייט פון די אומגערעכטע . . .

נישט צו דעם מין ווייניקער אינטערעסאַנטע מאַטראָזן געהערט אויך דער פּאָליאַק אויגוסט לאָבאַטשעווסקי, וואָס זיין מוטער איז געווען אַן איפּאַליענערין און ער האָט שוין געוואָגלט אַרום אויף שיפן 7 יאָר צייט. אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ יידישער געגנט און אַלע זיינע חברים זענען געווען יידן. ער האָט זיך אָנגעהערט אין אַלע וועלט טיילן מיט יידישע צרות. און ער זאָגט: איך פאַרשטיי נישט פאַרוואָס מפלאגט די יידן! און זיין פאַראַל איז — „פאַרייניקט האַלטן מיר זיך, צעטיילט וועלן מיר פאַלן" . . . איך וויל נישט צוריקגיין קיין אַמעריקע. איך באַטראַכט איצט פונעם מאָמענט ווי איך האָט אויפגעטרעטן אויף דער שיף, — ארץ ישראל פאַר מיין ניי היימלאַנד. איך בין: אַ פאַרמער, אַ סטאָליאַר, אַ שמידט, אַן אייזנבויגער, איך וויל אַרבעטן פאַר ארץ. די דאָזיקע ווערטער שרייבט ש. איזבאַן האָט געזאָגט אויגוסט לאָבאַטשעווסקי אַ שייגעץ אַ פּאָליאַק — וואָס זעט אויס ווי אַ פּיראַט, 29 יאָהר אַלט געבוירן אין דזשוירזי. ער טראָגט אַ געפלאָכטענעם שטריק אַרום די לענדן און אַ מעסער אין גאַרטל. די שניטן אויף זיין רויטלעכן פּנים, די אונטערגעשווירענע האָר ווי ביי אַ רוסישן מוזשיק — גיבן צו זיין אויסזען נאָך מער רויקייט. און ער מאַכט דעם ערשטן איינדרוק אַז ער וואָלט געקאָנט זיין אַן אַנטיסעמיט, אַ ברידער פון די פּאָליאַקן פון פשיטעק און קיעלץ . . .

צו די קוריאָזיטעטן געהערט אויך הוצגעל מעק — וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין סאַן פראַנציסקאָ מיט 26 יאָר צוריק אַ קאַטאָליק, געענדיקט די הייסקול, געלערנט אין סטענפאָרד־אוניווערזיטעט, אין קאַליפאָרניע, שפּעטער איז ער געגאַנגען אין האַרוואַרדער יורידישן פאַקולטעט. געאַרבעט ווי אַ רעפּאָרטער פאַר אַ פּראָווינץ־צייטונג. זיין פאָטער אַן אייערלענדער, זיין מוטער פון סקאָטלאַנד, זיין שוועסטער אַ קאַטאָלישע נאָנע. צו 26 יאָר האָט ער זיך ערשט



דערוווּסט אַז סאיז פאַראַנען אַ פאָלק וואָס ווערט געראָדפט . . .

דער דאָזיקער מאַטראָז איז אַ הויכער, רויטער 6 פוסיקער יינג. זיין פיגור — אַ בייזע, גרויס. ער איז אָנגעשאָטן מיט שפּרינקעלעך פון קאָפּ ביז פיס. דאָס פּנים מיט רויטע פלעקן. די אויגן קליינע חלבדיקע, ווי ביי אַ קאַלמיק. זיין נאָמען איז הוגעל מאַקדאָנאַלד. ער איז אַן אירלענדער פון בלוט און ביין.

אויפן ערשטן קוק דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ פאַרשוין פון די אונטערוועלט. דאָס האַלב־נאַקעטע רויט־באַוואַקסענע לייב מיט דעם קינזשאַל ביי דער זייט — פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם איינדרוק, אַז דער פאַרשוין באַלאַנגט אויף יענער זייט פון דעם אַנטשטענדיקן מענטשלעכן מין . . .

אָבער דער ברוטאַל־אויסזעענדיקער מעקדאָנאַלד איז אַ סטודענט, אַ האַרוואַרד־קאָלעדזש־באָי, וועלכער האָט פאַרוואָרפן דאָס לערנען צוליב אַ שגעון — ער וויל פירן מעפּילים קיין ארץ ישראל.

אין יאָר 1936 האָט מעק זיך ערשט דערוווסט אַז סאיז פאַראַנען אַ פאָלק אויף דער וועלט, וואָס ווערט געראָדפט און געפּייניקט. ביז דאַמאָלט האָט ער פאַקטיש נישט געוווסט, אַז עס עגזיסטירט אַזאַ באַזונדערע אומה, וואָס הייסט יידן, אַז סאיז פאַראַן אַזאַ פּראָבלעם ווי אַ יידן־פראַגע. מעק האָט נישט פאַרפעלט צו דינען דער מוירטשענס־מאַרינע נאָך פאַרן קריג. ווי ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרשיידענע אינצידענטן. נישט זעלטן האָט ער געזען אויף זיינע רייזעס ווי מען דיסקרימינירט יידן. מעק דער צוקינפטיקער אַדוואָקאַט, דער גריבלער אין געזעץ, האָט דאָס נישט באַנומען. עפּעס האָט אין אים רעוואָלטירט . . . ווען מעק איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה, איז ער געווען אַנטוישט. געמיינט אַז דער בלוטיקער קריג וועט אויך געווינען אַ שלום פאַר דער שארית ישראל. עס איז שוין געווען לאַנג נאָך די „נירנבערגער געזעצן", און מיטאַמאָל — קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין ציפערן, יידישע מעפּילים־שיפן ווערן צוריקגעשיקט פון די האַפנס. און מעק האָט באַשלאָסן אַריינצוטרעטן און קעמפן אין דעם יידישן פלאָט . . . ער האָט געזוכט קאָנטאַקט מיט דער יידישער יוגנט־באַוועגונג.

מעק ווייסט אַז זיין מאַנשאַפט איז די בעסטע. ער פילט נישט, אַז ער איז אַ גוי צווישן יידן. מעק געדענקט אויך, אַז זיין שוועסטער, די קאַטוילישע נאָנע, האָט אים געהייסן זיך לאָזן אויף דער ווייטער יידישער נסיעה . . .

צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע געהערט אויך דער גלת פון באָסטאָן וואָס האָט זיך אונטערגענומען פרייוויליק מיטצומאַכן דעם וועג פון די מעפּילים ווי אַ קריסטלעכער באַאָבאַכטער. דער דאָזיקער גלת איז אַן אויסטערלישע דערשיינונג אויף דער שיף ער איז נישט קיין פּאַסאַזשיר, און ער איז נישט פון דער מאַנשאַפט, ער איז צומאָל נישט קיין צייטונגס מענטש. וועמען די אַמביציעס טרייבן דורכצומאַכן אַזאַ אונטערגרונד־עקסקורזיע. ער איז געווען אַ גלת, אַן אַקטיווער טוער אין דעם פריסטלעכן קאָמיטעט פאַר אַ יידישן ארץ ישראל. זיין אויפגאַבע איז מיט די אייגענע אויגן צו זען — דעם מאַרש פון

די מעפּילים קיין ארץ ישראל. כדי דערנאָך צו קאָנען דערציילן פאַר דער קריסטלעכער וועלט וועגן דעם וועג פון פּיין אויף וועלכן עס זענען געגאַנגען די רעשטלעך פון ישראל, וואָס זענען נישט אויפגעגעסן געוואָרן פון די פייערן פון מיידאַנעק און אַסווענטשין.

עס מוז דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער ט. טשיקאָ מאָנטער לאַלאָ, — אַ פיליפּינער וואָס האָט באַדינט די מאַנשאַפט פון דער אומלעגאַלער שיף נישט צוליב שכר — נייערט מחמת טיפע ליבע צום אייביק געמאַרטערטן פאָלק.

עס איז לחלוטין נישט געווען קיין עקסטראַוואַגאַנטיזמוס, אָדער וועלכער סאַרט מין אַפּעריסטיש־קאַריעריסטישער חשק פון אַוואַנטוריסטן מיטצוגיין דעם „גאָלגאָטאַוועג״ פון די אויסגעוואָרצלטע פּליטים; נייערט טיפע איבערגעגעבענע מענטשליבע פון גוטע גויים — וועלכע האָט אויפגעפלאַקערט אין זייער האַרצן אַדאַנק די אומענטשלעכקייט פון דער פאַרדאַרבענער וועלט צום אייביק ליידנדיקן און אומזיסט פאַרפאָלגטן ייד.

עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן: אַז איזבאַנס בוך איז אַ הימל־שרייענדיקע צייט־דאָקומענט פון די אַלע עוולות און געמיינקייטן וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן לגבי די יידן נאָך דער גרעסטער געשיכטלעכער מאַסאַקרירונג וואָס ס׳איז די קאַניבאַליסטישע גערמאַנען געלונגען צו אינסצענירן פאַר דעם אייראָפּעאישן יידנטום.

מיט אַ קינסטלערישע אויסגעהאַלטנקייט פאַרשטייט איזבאַן צו שילדערן די אַלע הכנות וואָס זענען געמאַכט געוואָרן ביז צום אָפּגיין פונעם „אומלעגאַלן״ פּליטים־שיף, דערנאָך די געפילן און איבערלעבונגען־פונעם קאַפּיטאַן, מאַטראָזן און פּאַסאַזשירן. זייער טויט־שרעק און שמחה בעתן דערשפּירן די נאָענטקייט פון שונא... די פעלזנפעסטע אמונה אַז זיי וועלן פאָרט זייער ציל דערגרייכן; און צום סוף די אַנטוישונג מיט דער טרויעריקער באַהאַנדלונג פונעם פאַרפאָלגער...

ליידער, — די זעלביקע וואָס האָבן געשאַפן די באַלפור־דעקלעראַציע, האָבן אויך געשאַפן די סטרומאַ, פּאַטריאַ, דאָס ווייס־פּאַפּיר, מיט דער ציפּערס־אינדזל און די פעסטונגס־טורמע־עבו...

מען ווערט פשוט אויפגעשוידערט און גערירט ביז טרערן — ווען ש. איזבאַן גיט איבער דעם מאָמענט: ווען אַ שיף מיט 2,000 מעפּילים וואָס וואָגלט און וואַלגערט זיך שוין וואָכנלאַנג אַרום אויפן ים; בעת דער קאַפּיטאַן די מאַנשאַפטן וואַרטן אויף דעם קאַבעל פונם ראַדיאָ־סיגנאַליסט... און ענדלעך קומט דער באַפעל פון ערגיץ אין דער וועלט: איילט אייך גלייך קיין ה״...

ס׳וואָלט פשוט צו ווייט פאַרפירט אויף איבערצוגעבן די אַלע גרויסע מאָמענטן, וועלכע ש. איזבאַן האָט אויף אַ גאַנץ איינפאַכן אופן אַזוי דערהויבן אַרויסגעבראַכט. און דאָס האָט נאָר גורם געווען זיין געטרייע און ערלעכע איבערגעגעבנקייט. קאַלירפול און שטאַרק איז אויך דער מאָמענט — ווי אַלע מעפּילים ווערן אויפן שיף אַרויפגענומען, און דאָס צענויפטרעפן זיך פון פאַרשיידענע טיפּן און זייערע איבערלעבונגען...



סאיז פשוט אומיגלעך צו איבערצוגעבן די אַלע מאָמענטן.

עס טאָר אָבער אויך נישט פאַרשוויגן ווערן דער מיסאַקאָרד וואָס ש. איזבאַן האָט אַריינגעבראַכט אין דעם באמת האַרציק און ערלעכן בוך — ווען ער דערציילט וועגן אַ יינגן פּאַסאַזשיר אַ „ילוד־הארץ״...

הערט זיך גוט איין — „אין 1925 זענען ויינע עלטערן געקומען פון פּוילן קיין ארץ, אין 1920 איז ער געקומען אויף דער וועלט. אין 1929 איז אין ארץ ישראל געווען אַ קריזע, אָבער יידן וואָס קענען אויסהאַלטן קריזיסן — אין פּוילן, רומעניע, אין גלות פראַנקרייך; האָבן נישט קיין געדולד געהאַט צו איבערוואַרטן דעם קריזיס אין ארץ ישראל... און זענען אין איילעניש צוריקגעקומען אין „מדינת־גראַבסקי. אין 1943 זענען די עלטערן געגאַנגען אין טרעבלינקע. אין 1947 איז דער יתום צוריקגעפאָרן אַן קיינעם אויף דער וועלט קיין ישראל״...

דאָס מיינט אַז די עלטערן פונם אָרעמען יתום האָבן זיך זער פאַרזינדיקט, נישט געטאָרט* אַנטלויפן פון דער ארץ ישראל קריזיס, נאָר געדאַרפן אַ קאַפּיטשקעלע ווייטער צו קוקן, כדי צו קענען וויסן וואָס וועט קומען...

דאָס, זאָל מיר ש. איזבאַן טויזנטמאָל מוחל זיין שמעקט שוין אַביסל מיט באַגרענעצטן נאַציאָנאַליסטישן שאָוויניזם... מחמת יעדער מענטש און ייד —האָט דאָס רעכט צו אַנטלויפן, און אַנטלויפט גערעכט; נישט נאָר פאַר אַ אים שוין דראָענדיקער געפאַר, נאָר אַפילו אויך פאַר אַן אָנענדיקער געפאַר... מכל שכן נאָך ווען זיין אַנוועזנקייט קאָן נישט העלפן די געפאַר צו פאַרמיידן נאָר זיין לעבן צו פאַרלירן... און דאַמאָלט בעת דער מענטש ווערט געצוונגען צו אַנטלויפן, שפּילט ביי אים קיין שום ראָלע נישט, און סאיז אים אויך נישט קיין חילוק פון וועלכער שטאָט אָדער לאַנד ער אַנטלויפט, — מחמת קיין שום שטאָט אָדער לאַנד איז אויף דער וועלט ליידער נישט הייליק פאַרבליבן... אַלע לענדער וואָלטן געקאָנט הייליק זיין ווען סוואָלטן אין זיי נישט קיין מענטשלעך בלוט בחינום פאַרגאָסן געוואָרן... און וויל אין אַלע לענדער איז אייביק מענטשלעך בלוט בחנים פאַרגאָסן געוואָרן, — דערפאַר זענען אַלע לענדער נישט הייליק...

דאָס מיינט אָבער לחלוטין נישט אָפּצולייקענען אַז אַ יעדער מענטש פילט ליבע און צוגעבונדנקייט צו אַ לאַנד וווּ ער איז געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן... און בפרט נאָך אַ ייד וואָס האָט דעם טעם פון נישט זיין אין דער פרעמד שוין זערביטער לאַנג נישט געפילט. דערפאַר איז דאָס גוט באַגרייפלעך אַז הונדערטער טויזנטער יידן שטראָמען — און דאַרפן דאָרט אַהין שטראָמען ווי זייער „אַלט־ניי־לאַנד״בויט זיך פון דאַסניי אויף... און פילן אַ גרענעדיקע ליבע צו ישראל!...

דאָס איז ראשית, והשנית: האָבן דען דעם אָרעמען יתומס עלטערן געקאָנט אָנען אָדער וויסן, דאָס וואָס אונזער געשעצטער מחבר האָט נאָך דאַמאָלט אַליין נישט געאָנט און געוווּסט?... והשלישית — צי האָט דען ש. איזבאַן קיינמאָל נאָך נישט אַ טראַכט געטון אַז דער קריג האָט זיך אויך געקאָנט אין

ווייטן מזרח אָנהייבן און וואָס וואָלט חלילה דאַמאָלט געשען? . . . די דייטשן ימח־שמם זענען דאָך אויך שוין ביי „על אלאמאין“ געשטאַנען . . .

און צי האָט דען ש. איזבאַן אין דעם פאַרגאַנגענעם קריג נישט געזען: ווי גרויסע מלוכות, און שטאַרקע אימפּעריעס, מיט ריזיקע און מאַבטיקע אַרמייען וועלכע האָבן הינטער זיך שוין געהאַט הונדערטער יאָרן פון דיפּלאָמאַטישע, מיליטערישע און סטראַטעגישע דערפאַרונגען זענען איבער נאַכט ווי קאָרטן הייזלעך איינגעפאַלן . . .

און ווייסט דען ש. איזבאַן נישט אַז היינט, אין דער אַטאָמיזירטער צייט — נוצן זייער ווייניק לענדער און אַרמייען . . .

וועל סאָל חלילה דער מענטשלעכער בעסטיע ווידער געלונגען די אַרימע מענטשנקינדער אין אַ דריטן קריג אַרייַנצונאַרן! . . .

אַ לאַנד אָן אייגנס, אויף צו קענען פירן זיין אייגנאַרטיק קולטורעלן לעבן און זיך צו קענען זעלבסטשטענדיק אַנטוויקלן, דאַרף און מוז, יעדעס פאָלק האָבן. און דער ייד — אוודאי און אוודאי!

אָבער קיין שום לאַנד און אַרמיי איז היינט ליידער נישט מער גאַנץ ביכולת אַ פאָלק פאַר זיין שונא צו באַשיצן . . .

לכן, האַלט איך — אַז די שטאַרק אַקצענטירטע באַמערקונג וואָס ש. איזבאַן האָט געוואָלט מאַכן: מיט דעם צוריקפאַרנדיקן יתום פאַר די דאַמאָלסטיקע אַראַבישע איבערפאַלן אויף ישראל, פאַר אַ פאַלטש קלינגנדיקן אַקאָרד — אין דעם עכטן יידישן בוך.

איך האָב מיטגעפיבערט מיטן מחבר ווען ער האָט געשילדערט: ווי אונזערע עלנדיקע ברידער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די גאַז־קאַמערן און קאָנצענטראַציע־לאַגערס און זיך געלאָזט אויף אומלעגאַלע שיפן צו שפּאַלטן ימים, אבי נאָר צו דערגרייכן זייער ציל, — צו געפינען אַ מקום מנוחה אין ארץ ישראל.

אָבער דאָס מיינט נאָך לאַנג נישט אַז איינער מאַכט צו די אויגן, זעט דער אַנדערער שוין אויך נישט . . .

עס איז אויך זער כאַראַקטעריסטיש ווי איזבאַן האָט אונז געוויזן די פריערדיקע ענגלישע תפיסות וואָס די יידישע שמאַכטנדיקע אידעאַליסטן האָבן איבערגעפילט, מיט די פריערדיקע שאַטראַפּן מיט זייער באַציאונג צו די אַרעסטאַנטן. און גלייכצייטיק אויך די דאָזיקע אַרעסטאַנטנס געהויבענע מאָראַל, דער מוט, זייער אויסדויער מיט דעם הומאָר און אָפּטמאַל אויך די איגנאָראַנץ צו דער ברוטאַליטעט און קאָרופּציע וואָס האָט דאָרט געהערשט אין די שענדליכע תפיסות. איזבאַן באַווייסט די טרויעריקע תפיסה־באַהאַנדלונג, — נישט אין אכטנעמענדיק אייניקע דעטעקטיווס אַנטשולדיגונגען, דערקלערט ער זי פאַרט אַלס אַ נקמה־אַקט; פאַר דעם אויפרייס פון דער „עבר־פעסטטונגסטורמע“, וואָס איז אָבער גענוי אַזוי אומבאַרעכטיקט געווען — ווי אומבאַרעכטיקט עס איז געווען צו פאַראורטיילן מענטשן וואָס האָבן עס נישט געטון . . .

און איזבאַן דערציילט אונז ווייטער אַז די אַרעסטאַנטנס קאַסט איז געווען



מיזעראַבל און זייער קוואַטיר אויף אַ האָר נישט בעסער.

קנאַקן כינים, איז געווען אַ טאָג־טעגליכע נאַטירליכע זאַך, ביי די אַרעסטאַנטן פונקט ווי ביי נאָרמאַלע מענטשן דאָס ראַזירן און אַרומוואַשן זיך.

סאיז נישט געווען אומווירדיק און אויך נישט טראַגיש. — נאָר טאַקע מיט רעכט ווי איזבאַן זאָגט: „טראַגי־קאָמיש“!

עס מוז אויך באַמערקט ווערן, — אַז איזבאַן איז דווקא נישט סענטימענטאַל געווען אָבער דערפאַר פאַרבליבן זער געפילפול.

און דאָס איז אַגאָר גרויסע מעלה פאַר יעדן שרייבער און זשורנאַליסט. דאָס בוך איז בלי שום ספק ווערט פון יעדן יידן געלייענט צו ווערן. ווייל דאָס איז אַ טרויעריקער צייט־דאָקומענט וואָס וועט פאַרבלייבן אויף לאַנגע דורות; וויאַזוי אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־רעגירונג האָט אונז באַהאַנדלט...

און זאָל דאָ אויך אויסגעדריקט ווערן אַ האַרציקן דאַנק דעם „צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פוילישע יידן אין אַרגענטינע“: פאַר דעם דאָזיקן וויכטיקן בוך, און פאַר די אַלע ביכער וואָס זיי האָבן ביז איצט שוין באַוויזן אַרויסצוגעבן.

## אַן אוצר פון יידישן גייסט

(פון אַן אינטערוויו מיט דר. רפאל עדעלמאַן, ביבליאָטעקאַר פון דער יידישער סעקציע אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק אין קאָפּענהאַגן, דענעמאַרק)

די קעניגלעכע ביבליאָטעק אין דענעמאַרק איז אַ מלוכה׳שע און דאָך אַן אומאָפּהענגיקע אינסטיטוציע, וואָס דינט דער וויסנשאַפט און דער אַלגעמיינהייט. זי געפינט זיך אין איינער פון די שענסטע געביידעס פון דענעמאַרק׳ס הויפּטשטאָט און האָט, ווי מיר וועלן באַלד זען אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונז יידן בכלל און פאַר אַזעלכע מיט יידיש־גייסטיקע, קולטורעלע און וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן בפרט.

די קעניגלעכע ביבליאָטעק איז געוואָרן געגרינדעט אינם יאָר 1650 דורך קעניג פרעדעריק דעם 3־טן אַלס פּריוואַט־ביבליאָטעק. די ערשטע ביכער און מאַנוסקריפּטן זענען געקומען פון גלחים און נאָטאַבלען. אין דער דאָזיקער צייט האָט מען אויך שטודירט יידישע ליטעראַטור, אַזוי אַז שוין דאַמאָלט האָט די יונגע אינסטיטוציע שוין באַזעסן ביכער און ספרים פון יידישן ווערט.

אינם יאָר 1928 האָט די קעניגלעכע ביבליאָטעק איבערגענומען אַ גרויסע קאָלעקציע פון יידישע ביכער, וואָס האָבן געהערט צו דער קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעטס־ביבליאָטעק. די דאָזיקע קאָלעקציע איז געוואָרן דערוואָרבן דורך אַ לעגאַט (ירושה) פון אַ גרויסן יידישן סוחר סימאָן אַראָן אייבעשיץ. די אייבעשיץ־קאָלעקציע באַשטייט פון אַרום 2,400 ביכער. אין 1932 האָט די קעניגלעכע ביבליאָטעק באַזעסן אַרום 8,000 יידישע ביכער. אין דעם יאָר איז

נפטר געוואָרן דער דענישער אויבער־ראַבינער פּראָפ. דוד סימאָנסען, וועלכער שטאַמט פון אַן אַלטער דעניש־יידישער פאַמיליע און איז געווען באַקאַנט אין דער וועלט אַלס גרויסער געלערנטער און פילאַנטראָפּ, און אַלס אַ זאַמלער פון ביכער און אַלטע מאַנוסקריפּטן. ער האָט איבערגעלאָזן אַן אייגענע ביבליאָטעק פון אַן ערך 40,000 בענד, מער ווי די העלפט יידישע. דעם גרעסטן טייל דערפון האָט איבערגענומען די דענישע קעניגלעכע ביבליאָטעק (אויסגעשלאָסן קאָפּיעס, וואָס זי האָט שוין פריער געהאַט). מיט דעם איז די ביבליאָטעק דאָ געוואָרן איינע פון די גרעסטע אין דער וועלט אַלס ביבליאָטעקא יודאַאיקא.

זייט דער צייט האָט די קעניגלעכע ביבליאָטעק יערלעך צוגעקויפט אַ גרויסע צאָל יידישע ביכער. פון אַ סך זייטן זענען אויך אָנגעקומען ביכער־מתנות.

דעצעמבער 1949 האָט די יידישע סעקציע פון דער ביבליאָטעק דערוואָרבן די באַרימטע זאַמלונגען: יודאַאיקא און אָריענטאַליאַ פון דעם באַקאַנטן געלערנטן און תלמוד־איבערזעצער דר. לאַזאַרוס (אליעזר) גאָלדשמידט, וועלכער האָט זיינע לעצטע יאָרן פאַרברענגט אין לאָנדאָן.

אין דער קעניגלעכער ביבליאָטעק געפינען זיך אַרום 30,000 בענדער יידישע ליטעראַטור אין העברעאיש, יידיש און אַנדערע אייראָפּיאישע שפּראַכן. דערצו קומען נאָך צו 20,000 בענדער, וואָס האָבן אַ שייכות צו יידישער ליטעראַטור־געשיכטע, וויסנשאַפט און אַלגעמיינע יידישע פּראָבלעמען, העברעאישע און יידישע פילאָלאָגיע, פּאַלעסטינעזישע אַרכעאָלאָגיע, ביבלישע וויסנשאַפט, יידיש־טעאָלאָגישע און אַנדערע טעאָלאָגישע פראַגן. רייך איז די ביבליאָטעק אין דיסערטאַציעס, און טראַקטאַטן פון טעאָלאָגיאַ יודאַאיקא.

אויך זענען דאָ אַ סך יקרי המציאות. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט איבער 50 העברייאישע אינקאַנאַבעלן (געדרוקטע ספרים, דערשינען אין אָנהויב פון טיפן־דרוק), צווישן זיי אַזעלכע, וואָס געפינען זיך נישט ווו אַנדערש, אַפילו אין דאַמאָלדיקן עברי־טייטש אָדער יידיש־טייטש.

צווישן די כתבי יד געפינען זיך זעלטנהייטן פון גרויסן היסטאָרישן און גייסטיקן ווערט.

בשעת דער מלחמה האָט די ביבליאָטעק געקאָנט דערוויטערן די יידישע זאַמלונגען. די נאַציס האָבן די ערשטע יאָרן גאָרנישט אָנגערירט. ווען אין 1943 האָבן אַלע יידן געמוזט פאַרלאָזן דענעמאַרק, (אין אמתן זענען זיי ביינאַכט אין נעפל געוואָרן געראַטעוועט פון זייערע דעמאָקראַטישע נישט־יידישע מיטבירגער), האָט די קעניגלעכע ביבליאָטעק איבערגענומען אַלע יידישע פּריוואַט־זאַמלונגען, די ביבליאָטעקן פון דער קהלה, פון מענער־געזאַנג־פאַראיין „הזמיר“, די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק. זיי האָבן דאָס אַלעס באַהאַלטן אין די קעלערן, און ווען די יידן זענען נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען, האָבן זיי צוריקבאַקומען זייערע אוצרות און ווידער אויפגענומען זייערע קולטורעלע טעטיקייט פון פריער.



דער ביבליאָטעקאַר פון דער יידישער סעקציע פון דער קעניגלעכער ביבליאָטעק אין קאָפּענהאַגן איז דר. רפאל עדעלמאַן. ער שטאַמט פון רעזשיצא אין לעטלאַנד און האָט שטודירט פילאָלאָגיע און פילאָזאָפיע אין פאַרשידענע אייראָפּעאישע אוניווערסיטעטן. ער באַקליידט דעם דאָזיקן וויכטיקן אַמט זייט 1933 און איז אַן אָפיציעלער מלוכה'שער באַאַמטער.

נאָך דער מלחמה, ווען מיר זענען געשטאַנען נאָך דעם גרויסן חורבן פון די גרעסטע יידישע קבוצים אין אייראָפּע, האָבן מיר, זאָגט דר. עדעלמאַן, געפילט אַ חיוב קעגן די רעשטלעך פון אונדזער שארית הפליטה און האָבן געוואָלט, אַז די יידישע ביבליאָטעק אָדער סעקציע פון דער גרויסער קעניגלעכער ביבליאָטעק זאָל צונוץ קומען פאַר כללישע טעטיקייטן אויף אַלע געביטן פונם יידישן לעבן אין אייראָפּע. עס איז געוואָרן באַשלאָסן צו מאַכן די דאָזיקע אינסטיטוציע אַלס די צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק פאַר גאַנץ אייראָפּע און נאָך ווייטער. אויך די דענישע מלוכה העלפט מיט צו רעאַליזירן דעם פּלאַן און גיט דער יידישער סעקציע אַלע מאָראַלישע און פינאַנציעלע אונטערשטיצונג. עס ווערן אויסגעליען ביכער אין אַלע לענדער אין און מחוץ אייראָפּע מיט דער הילף פון יידישע און נישט־יידישע ביבליאָטעקן און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

עס איז די האָפנונג פון דר. עדעלמאַן צו געווינען אַזויפיל צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס און ביבליאָטעקן פון אַנדערע לענדער, אַז דאָס, וואָס ס'איז איבערגעבליבן אין יידיש־קולטורעלע ווערטן, זאָל אויסגענוצט ווערן אויף אַ געהעריקן אופן. אין עטלעכע יאָר אַרום וועט די יידישע סעקציע אָדער אָפּטיילונג פון דער דענישער קעניגלעכער ביבליאָטעק ווערן אַ זעלטנדיקע אינסטיטוציע. עס איז אויך זיין באַשטרעבן צו פאַרבינדן די ביבליאָטעק מיט דער קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט, ווו עס ווערן שוין געהאַלטן לעקציעס איבער יידישע ענינים, הויפּטזעכלעך איבער ביידע יידישע ליטעראַטורן. דר. עדעלמאַן איז ספּעציאַל־לעקטאָר פאַר די דאָזיקע פעכער.

צווישן די יקרי המציאה האָט דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות געפונען דעם „קרובץ“, אַ מחזור פאַר די ימים נוראים פון 1571 אין יידיש־דייטש, דערשינען אין קראָקע, אַ משנה, געדרוקט אין יאָר 1942 אין נעאַפּאָל, די ערשטע געדרוקטע אילוסטרירטע אויסגאַבע אין יידיש, דאָס בוך „יהודה“, דערשינען אומגעפער אַרום 1507. דער „אורח חיים“, סאָנצינאַ־אויסגאַבע מיט אויסגעשטריכענע שטעלן פון דער צענזור. „משנה תורה“ פון רמב"ם, גרויס פאָרמאַט, אַן אינקאַנאַבל „סמג“ פונם יאָר 1480. דער ערשטער געדרוקטער „שלחן ערוך“ אַרום 1575.

ערשטער דרוק פון „זהר“ אין מאַנטואַ, איטאַליע 1559. אַן אשכנזישער מחזור מכל השנה דערשינען 1592 אין יידיש־טייטש. די דרוקעריי איז דעמאָלט געוואָרן אָפּגעברענט (אינם שטעטל טאַנהויזן אין דייטשלאַנד) פון די צוויי געבליבענע עקזעמפּלאַרן איז דער קאָפּענהאַגענער דער איינציקער, וואָס איז פולשטענדיק.

העברעאישער ווערטער־בוך פון אליהו בחור מיט אַ לאַטייניש פירוש, געדרוקט 1557.

אַ זעלטענע דערשיינונג איז די „ביבליא פאליגלאטא“ פון בריאנוס וואלטאנס 1657.

אַ קורצע אָנווייזונג פון דער „טויטש־יידישער“ שפּראַך 1733 אין גאָטישע אותיות מיט אַ גראַמאַטיקאַלישער איינלייטונג און אַן אריטמעטישער טאַפעלע פון דעם יידישן אלף־בית.

„מנהגים“ אין יידיש, דערשינען אין ווענעדיג 1593. אַ תחינה פונם 16־טן יאָרהונדערט.

„ספר דניאל“ אין יידיש, רשי כאַראַקטער, דערשינען אַרום סוף פונם 16־טן יאָרהונדערט אין קראָקע. „פרקי אבות“ אויך אין קראָקע אין דער זעלבער צייט.

איך וויל נאָך דערמאָנען אַ וויכטיקן כתב יד, וואָס געפינט זיך אין דער אָריענטאַלישער אָפּטיילונג פון דער גרוואַלטיקער ביבליאָטעק: דער „מורה נבוכים“ פון רמב״ם, אין בוך־פאָרם און רייך אילומינירט, פאַרענדיקט אינם יאָר 1348. דער איבערשרייבער פאַראייביקט זיך אין דעם דאָזיקן כתב יד מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„אני לוי בר יצחק פיגן קארו סט׳ מארץ שלמנקה (סאלאמאנקא א. פ.) כתבתי ספר זה הנקרא מורה הנבוכים אשר עשה משה לעינו כל ישראל למשכיף הנכבד הרופא מנחם בצלאל. וכתבתי פה ברצלונה וסימתיו בשנת מאה ושמונה לפרט הערב הששי...“

עס איז אונמעגלעך אין אַ קורצער קאָרעספּאָנדענץ צו איבערגעבן אַלע פּרטים פון דער עשירות פון דער יידישער סעקציע אין דער דענישער קעניגלעכער ביבליאָטעק, וואָס אין איר גאַנצקייט פאַרמאָגט אַ גאַנצע מיליאָן עקזעמפּלאָרן. צווישן זיי 40,000, — יאָ, פערציק טויזנט מאַנוסקריפּטן. עס געפינט זיך דאָרט אַ גרויסער לייען־זאַל, וואָס איז טאָג־טעגלעך באַזוכט פון אַ גרויסער צאָל אינטערעסענטן. די יידישע אָפּטיילונג ווערט איצטער פולשטענדיק רעאָרגאַניזירט. דר. עדעלמאַן אַרבעט איצטער אין צוזאַמענשטעלן דעם פולשטענדיקן קאַטאַלאָג פון אַלע יידישע וואָליומען.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז דאָס איז די ערשטע אויטענטישע און גענויע קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם דאָזיקן ענין. דער שרייבער פון די שורות גלויבט, אַז דאָס איז האָפענטלעך נישט די לעצטע. די יידישע סעקציע פון דער קאָפּענהאַגענער קעניגלעכער ביבליאָטעק באַווייזט דעם גרויסן גייסטיקן כוח פונם יידישן פאָלק. לאָמיר דעם דאָזיקן כוח שטאַרקן און מוטיקן און דערמיט מיטהעלפן אַ שטילן אַרבעטער, וואָס איז טעטיק אויפן געביט פון אונדזער גרויסער קולטור־ירושה.

אפשר וועט נאָך זיין אַ מעגלעכקייט עפּעס מער איבער דעם צו שמועסן.

**א. פ.**

(געשריבן אויפן שיף „קרוינפּרינץ פרעדעריק“, אויגוסט 1950).



### ש. ערנסט

## נייע עולים פון וויטן אפגאניסטאן בויען א נייעם לעבן
## ביי די ברעגעס פון רויטן ים

פּיאָנער פון רעננה און גן יבנה שילדערט די לייד און פרייד פון די נייע עולים

אין מדינת ישראל קומט איצט אַ נייער צושטראָם פון עולים פון די פאַרוואָרפנסטע מקומות. און אַז דו קומסט איצט אין פאַרשידענע ווינקעלעך אין לאַנד זעסטו פאַר דיינע אויגן עולים פון ווייטע לענדער. אָט איז דאָ אין סאַמע וויטסטן אָרט דער ברעג פון אילת און אויך ער שפּרודלט מיט לעבן. בחורים און מיידלעך עולים פון וויטן אַפגאַניסטאַן האָבן דאָ אָנגעהויבן בויען זייער נעסט. אָפּגעסמאַליעט פון דער זון ווי די נעגערס, טרעפסטו זיי כסדר אין אַרבעט.

אין די שטילע נעכט הערסטו דאָרט די קינדער, וועלכע זיינען באַקאַנט אַזוי גוט פון אַנדערע ערטער אין אונזער לאַנד. און וואָלסטו געזען, ווי אַזוי מען טאַנצט דאָ! ביי טאָג זעסטו די מענטשן ביי אַ זייער שווערער אַרבייט און פאַרנאַכט נאָך די שווערע אַרבייטס־שעה׳ן געפינסטו זיי ביי דער קאַנטינע פון מיליטער, אָדער אויפן ברעג ים, ווו זיי באָדן זיך אין די רואיקע און דורכזיכטיקע וואַסערן.

און דאָס איז אַ מאָדנע, אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג, ווען נאָך אַ נסיעה, וואָס געדויערט שעה׳ן לאַנג איבער אַ וויסטע און פאַרוואָרלאָזטע געגנט, אויסגעמאַטערט פון די שפּרינגעניש פון אויטאָ איבער די וועגן, פאַרשטויבט און פאַרברענט פון דער זון — זעסטו פלוצלונג פאַר זיך דעם ענגען ים־אויסגוס, וואָס איז אָפּגעשלאָסן פון אַלע זייטן דורך רויטע, פאַרביקע פעלזן, איבער וועלכע עס וויעט אַ פאַרצייטיקע שיינקייט, און אָט דאָ אַנטפּלעקסטו פּלוצלונג אַ יידיש לעבן, וואָס איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אַהער פון די קיבוצים אין עמק און גליל, פון די מושבים אין שרון און שומרון.

### א שול אויסגעבויט פון ברעטער ביים ברעג ים

אָט שלעפּט מען דיר אַלס אַ צענטן צום מנין אין אַ שול, וואָס איז אויסגעבויט פון ברעטער, ס׳איז אַזאַ באַראַק, נישט ווייט פון דער פּאָליציי סטאַנציע. נישט ווייט פון דאָזיקן שולכל זעסטו אַ בריטישע קריגס־שיף, דאָס איז ביים אַראַבישן אָרט עקבה. ביינאַכט פינקלען פון וויטנס די פייערלעך פון שיף איבערן רואיקן ים.

די אַפגאַניסטאַנער עולים האָבן דאָ נישט קיין גרינגען לעבן. דער קלימאַט איז דאָ זייער שווער. ביי טאָג ברענט די זון, נאָר די אָוונטן זיינען דאָ הערלעך. די סביבה איז דאָ ווילד און אַז דו שפּאַצירסט אַרום ווייזט מען דיר אָן די שטאָט ווו אברהם אבינו האָט געקראָגן זיינע ברונעמער בעת ער איז אַוועק קיין באר שבע.

די יוגנטלעכע עולים זיינען אָבער צופרידן, אַז זיי העלפן בויען דאָס ייִדישע לאַנד. זיי פּאַסן זיך צו צום הייסן קלימאַט, אויף זייערע לייבער טראָגן זיי נאָר אַ פּאָר דינע הייזלעך און זייער גוף איז ברוין און אָפּגעברענט און גלאַנצט ווי געשייערטער קופּער. אומעטום זענען זיי דאָ אין די טיפע טאָלן און אויף די העכסטע ערטער. זייער אויג, איז ווי דאָס אויג פון אַן אָדלער, און זייער האַנט איז גרייט צו פאַרהיטן דעם דאָזיקן מדבר פאַר אונז.

זיי האָבן אויך דאָ אַן אייגענעם רב, וואָס פּסקנט פאַר זיי שאלות, אַ שוחט קומט פון צייט צו צייט אַהין פון ירושלים, און אַלע האָבן זיי אַ גרעניצלאָזער אמונה און אַ געוואַלטיקע ליבע צו ארץ ישראל און זיי זיינען פול מיט פרייד, אַז זיי קענען ביישטייערן צום אויפבוי פון ייִדישן לאַנד.

## יחזקאל נח ערליכמאַן

## שלמה המלך (קהלת) אויף זיין וואַנדער וועג

עס איז באַוווּסט פון גמרא און מדרשים, אַז שלמה המלך איז אין זיינע לעצטע יאָרן פאַרטריבן געוואָרן פון זיין כתר מלכות און אַפילו אין ירושלים, אָדער אַנדערע שטעדט פון ארץ ישראל איז ער אויך נישט געווען זיכער און ער האָט געמוזט וואַנדערן אין גאַנץ ווייטע מדינות, ווו מען האָט געהערט פון חכמה און גרויסקייט, אָבער פּערזענלעך האָט מען אים נישט געקאַנט.

עס האָט אַפילו מיט אים געטראָפן אין אַ גאַנץ ווייטע מדינה, ווען אים איז שוין מיאוס געוואָרן דאָס אַרומוואַנדערן, האָט ער געפּרוווט זיך אויסצוגעבן און געזאָגט „אני שלמה", האָט מען אים גאָר אויסגעלאַכט און געהאַלטן אים פאַר אַ משוגענעם. ער האָט שוין פאַרשטאַנען אַז איידער צו זיין צו שאַנד און שפּאָט, איז בעסער פאַר אים ער זאָל פאַרשווייגן זיין אָפּשטאַם מיט זיין גרויסן יחוס.

איז ער אַמאָל אָנגעקומען אין אַ גרויסע שטאָדט פונקט ערב סוכות. ער האָט זיך דאָרט פאַרשאַפט אַן אָרימע אכסניא אין שול. ער האָט שוין געוווּסט אַז ער טאָר נישט זאָגן „אני שלמה". אַזוי איז אַוועק גאַנץ סוכות, נאָך שמיני עצרת, ווען ער האָט געהערט דעם בעל מפטיר זאָגן די הפטורה, פון „ויהי ככלות שלמה" (מלכים א.ח. נ"ד) ווו עס ווערט אַרומגערעדט די גרויסקייט פון שלמה המלך, ווען ער האָט ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק מחנך געווען דעם בית המקדש, 14 טעג האָט דער יום טוב געדויערט און דער לעצטער איז געווען שמיני עצרת, און אַלע ייִדן האָבן זיך מיט אים געזעגנט מיט שמחה, אַוי פון גרויס כבוד האָט עס אים שטאַרק פאַרקלעמט דאָס האַרץ און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ הילכיגן געוויין.

ס'איז געוואָרן אַביסל אַ טומעל אין די שול, דער גבאי האָט צוגעשיקט דעם שמש געוואָר ווערן וואָס עס איז געשען. ער איז צוריקגעקומען און גע־



זאָגט אַז עפּעס אַ פרעמדער ייִד, מסתמא אַן אָרעמער, האָט זיך דאָס אַזוי צעוויינט, און ער וויל נישט זאָגן ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט.

די שול האָט זיך באַלד באַרואיקט און מען איז שוין אָנגעגאַנגען ווייטער מיט די תפילות ביז צום סוף. נאָך דער פרעזידענט איז געוואָרן אַביסל אומרואיק, ווען ער האָט געהערט דאָס געוויין פון ייִד. האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז ער האָט שוין אַמאָל געהערט אַזאַ קול. ער האָט זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט זיך צו דערמאָנען ווו, און ווען, אָבער ס'איז אים נישט געלונגען. פון זיין מזרח סיט האָט ער געכאַפּט אַ בליק אויף דעם ייִד, און יענעמס פּנים איז אים אויך פאַרגעקומען באַקאַנט. ער האָט געוואַרט ביז דער עולם איז זיך צעגאַנגען, דאַן איז ער צוגעגאַנגען נענטער, און ווי איבעראַשט איז ער געוואָרן און האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געוואָלט גלויבן, אַז דאָס איז טאַקע שלמה המלך.

ער איז שוין צוגעגאַנגען מיט גרויס כבוד און געזאָגט אַז אין זיין יוגנט האָט ער געוווינט אין ירושלים, און איז גאָר געווען אַ קורצע צייט פון זיינע באַדינער. ער האָט נאָכהער עמיגרירט צו דיזן לאַנד. ער האָט זיך שוין אָרויפגעאַרבעט, און בעט אים, שלמהן, צו זיין וווינונג וואָס באַשטייט פון אַ רייכן פּאַלאַץ מיט אַ גרויסע דינערשאַפט; ער וועט זיך קאָנען אויפהאַלטן ביי אים וואָכן און אַפילו חדשים.

שלמה המלך וואָס איז שוין געווען גוט אויסגעמאַטערט פון זיין לאַנגען וואַנדער וועג, האָט גאַנץ גערן אָנגענומען די איינלאַדונג און האָט זיך מיט צופרידנקייט געלאָזט גיין צום מאַנס הויז מיט דער האָפענונג אַז ער וועט קאָנען דאָרט פאַרבלייבן אַ שטיקל צייט.

אָבער צו זיין גרויס באַדויערן האָט ער דאָרט באַקומען זייער אַ שלעכטע אויפנאַמע. ווייל ווי נאָר דער מאַן האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר זיין ווייב און געזאָגט אַז דאָס איז שלמה המלך, איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן כעס און בייזערט זיך צו אים אַז ער זאָל זיך שוין אָפּטראָגן פון איר הויז, אויב נישט, וועט זי אַריינרופן אַ דינער ער זאָל אים אַרויספירן.

שלמה המלך איז ביטער ענטוישט געוואָרן פון דעם „שיינעם" ברוך הבא. ער קאָן גאָר נישט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר און וואָס איז די סיבה פון דעם גרויסן כעס. ער בעט זיך ביי די פרוי: „זאָגט מיר כאָטש, מיט וואָס האָב איך דאָס מיך אַזוי פאַרזינדיקט. ווי ווייט איך געדענק, זע איך אייך יעצט דאָס ערשטע מאָל, און דאָס זעלבע איר מיך. פאַרוואָס קומט מיך אַזוי צו באַליידיקן?"

„יאָ! איך זע אייך איצט צום ערשטן מאָל", זאָגט די פרוי. „אָבער ערשט, דעם שבת חול המועד סוכות, האָט מען אין די שול געלייענט אַ מגילה, וואָס איר זענט דער מחבר פון איר — כאָטש אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען „קהלת". און עס האָט געהאַלטן עס זאָל אויסברעכן אַ גרויסער סקאַנדאַל אין די ווייבער שול, הערנדיק אייערע „קלוגע" ווערטער ווי איר באַליידיקט דאָס אַזוי טיף אונז פרויען.

„איר דריקט זיך דאָרט אויס מיט די ווערטער „אדם אחד מאלף מצאתי,

ואשה בכל אלה לא מצאתי״. אויף מאַמע לשון הייסט עס: „צווישן מענער קאָן מען נאָך געפינען אַ גוטן, כאָטש איינעם צווישן טויזנט, אָבער פרויען טויגן קיינס נישט״. נו, ר׳ שלמה! האָט איר זיך נישט פאַרדינט אַז מען זאָל אייך אַרויסטרייבן פון יעדן אַנשטענדיקן הויז?״

— אה! — זאָגט שלמה המלך, — יעצט ווייס איך דאָך ווייניקסטנס מיט וואָס איך האָב מיך דאָס אַזוי פאַרזינדיקט. און איך דאַנק אייך פאַר די געלעגנהייט וואָס איר גיט מיר, אייך צו ערקלערן די כוונה פון מיינע ווערטער, און איר וועט איינזען אַז מיט די פראַזע פון „ואשה בכל אלה לא מצאתי״ בין איך נישט אויסן געווען צו באַליידיקן די פרויען, נאָר פאַרקערט. דאָס איז גאָר אַ מיטל צו באַשיצן די פרויען פון זייער טרויעריקע פאָלגן. ווייל, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, איז דאָך לײדער גוט באַקאַנט דעם דורכשניטלעכן מאַנס כאַראַקטער, אַז אַ קורצע צייט נאָך די חתונה ווען ער האָט זיך שוין אויסגעניכטערט נאָך דעם „האַני מון״ און נעמט זיך צוריק צום געוויינלעכן וואָכנדיק לעבן, דערוועקט זיך ביי אים אַ פאַרדאַכט, אַז זיין פרוי איז נישט לויט דעם אידעאַל ווי ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, און ער געפינט שוין אויס אין איר פאַרשידענע חסרונות. און עס דאַכט זיך אים, אַז יענע פרוי אָדער גאָר יענעמס פרוי, איז פיל בעסער און קלוגער פון זיינע, און דענקט איר אָוועקצוואַרפן און נעמען די בעסערע.

— דעריבער, — פאַרענדיקט שלמה, — האָב איך אַרויסגעלאָזט דיזע וואָרנונג צו די מ ע נ ע ר איר זאָלט וויסן אַז קיין איינציקע טויג נישט, זוכט נישט קיין בעסערס, וואָרים איר וועט נישט געפינען און האַלט זיך בעסער מיט ס׳זייניקע.

## די יידישע טעאַטער פּרעמיערעס בלע״ז

נאָכדעם ווי איך האָב געזען „דאָס שאַמפּאַניער מיידל״, מיט זשעניע לאָוויטש אין גראַנד־פּאַלעי טעאַטער און „מיין מיליאָן דאָלאַר בייבי״ מיט הענריעטע דזשייקאָבסאָן אין אַלעקסאַנדער־טעאַטער (אַ, פון די ביידע „ליטעראַרישע״ נעמען בלויז קאָן דאָס האַרץ שוין צעזעצט ווערן . . .) האָב איך שוין מוחל געווען אויף מיין יידישיסטישן כבוד און בין געגאַנגען זען ווי אונזער מאיר צעלניקער און חנהלע צעלניקער שפּילן יידיש־ענגליש טעאַטער, און דאָס האַרץ האָט טאָפּלט וויי געטון — עס איז געווען „ויחד יתרו״! רש״י הקדוש, גלויב איך, טיישט „נעשה בשרו חדודין חדודין — מיר איז פּשוט געוואָרן זייער „סקוטשנע״. און געטראַכט האָב איך מיר אין דער שטיל: טאַקע באמת, וואָס ברויכן יידן ערשט אַהער צו לויפן אין וועסט־ענד און אַ קורצן לאָך צו טון ווען די ביידע, כ׳מיין אונזער מאיר און אונזער חנהלע, ריידן אַרויס אַ יידיש וואָרט (די לעצטע זאַך האָט נאָך נויטיק אַ גרינדלעכן פּסיכאָאַנאַליטשן אַנאַליז . . .) אַז זיי קאָנען צעזעצט ווערן פאַר געלעכטער אין ביידע יידישע טעאַטערס.



## די פייערונג לכבוד משה עובדס יובל

עס קומט אַמאָל אַ טאָג, — און וועלכן מען דערוואַרט אויך מיטן גאַנצן האַרצן, — ווען מען קאָן זאָגן אַ פריינט, אַ קאָלעגע, אַ חבר, דאָס וואָס עס קומט אים, דאָס וואָס ער האָט פול פאַרדינט. אַלע שלייערן פאַלן דעמלט, מען שעמט זיך נישט. עס איז אַ טאָג פון פרייד דעמלט, וועלכער איז גרעסער, ווי יעדער קאָמפּלימענט, ווי יעדער שבח און דער וואָס באַקומט זיי איז אויך זיי מקבל באהבה — עס פאַרבינדט אַ נייע פריינטשאַפט, אַ נייע חברשאַפט און בעיקר אַ ליבשאַפט צו דער אַרבעט.

דער יובל־באַנקעט לכבוד משה עובד און די פייערונג לכבוד דעם אַרויסגעבן פון זיין מעמואַרן בוך „וויזיאָנען און איידלשטיינער״, די טאָפּלטע פייערונג וואָס „פריינט פון יידיש לשון״ האָט איינגעאָרדנט פאַר זיין פּרעזידענט און נאָענטן מיטאַרבעטער האָט געטראָגן אַ אַזאַ חברישן יום־טובדיקן כאַראַקטער און איז אַדורך מיט גרויס באַגייסטערונג, סיי ביים גרויסן עולם ביים י.ל.ש.נ. און סיי ביים פייערלעכן באַנקעט צווישן פריינט און קאָלעגן־שרייבער און קולטור־טוער. אַן אויספירלעכער באַריכט אין קומענדיקן נומער „לשון און לעבן״.



אַ גרופּע לאָנדאָנער יידישע שרייבער ביי סאָכאַטשעווסקי אין הויז מיט משה עובד און די געסט פון ישראל, יואל מאַסבוים און דר. קרוק.

## יצחק אמיתי

אין דער בן אורי גאַלעריע, 14 פּאָרטמען סטריט, וו.1, איז געעפנט געוואָרן די אויסשטעלונג פון דעם באַקאַנטן מאָלער פון ישראל, יצחק המיתי. די אויסשטעלונג האָט געעפנט די פרוי פון ישראל אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן.

די אויסשטעלונג מאַכט אַ שטאַרקן פאַרביקן איינדרוק. מיר ברענגען קודם אַ פּראָדוקציע. אַן אָפּהאַנדלונג אין קומענדיקן חודש.



מוזיק — פון יצחק אמיתי

## נאַטן הענדל

נאַטאַן הענדל, דער לאָנדאָנער מאָלער נאַטאַן הענדל האָט אַן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער אין דער קאָלינג גאַלעריע אין באָנד סטריט.

צווישן זיינע בילדער געפינען זיך אַ סך יידישע מאָטיוון, געמאָלען אונטער אַן אייגנאַרטיקער שטילער שטימונג. אַן אָפּהאַנדלונג איבער דער אויסשטעלונג פון י. א. ליסקי אין קומענדיקן נומער.

## יאַנקעל אדלער

אין דער גימפּעל גאַלעריע, 50 סאָוטה מאָלטאָן, וו.1., איז אַן אויסשטעלונג פון אַ טייל פון די צוריקגעבליבענע בילדער פון דעם פאַרשטאָרבענעם באַרימטן מאָלער יאַנקעל אַדלער.

מיר האָבן ליידער, ווי אונזער מנהג איז, דעם גרויסן קינסטלער שוין באַלד פאַרגעסן, אָבער די קינסטלער און קינסט־ליבהאָבער פון דער ענגלישער געזעל־



שאַפט האָט אים נישט פאַרגעסן. לויט ווי מיר הערן גרייט די קאָונטי קאָנסל צו אַן אויסשטעלונג פון אַלע זיינע בילדער.



דעם בעל־שם־טוב׳ס טאָכטער האָדל פון יאַנקל אַדלער

## יידיש-לעקציעס — קאָונטי קאָונסל

די קאָונטי קאָונסל אָרדנט, איין פון דעם חודש אָן, לעקציעס איבער דער יידישער ליטעראַטור און יידישער שפּראַך צוויי מאָל אַ וואָך. מיט די למודים וועט אָנגיין דער גוט באַקאַנטער זשורנאַליסט און פּעדאַגאָג מיכאל זילבערבערג פון וואַרשע. די וויכטיקע אונטערנעמונג איז אַדורכגעפירט געוואָרן דורך דער איניציאַטיוו פון די „פריינט פון יידיש לשון".

### רבי פּרדס זצ"ל

עס האָט אונז זייער ווייַ געטאָן, הערנדיק די ידיעה פון רבי פּרדס' פּלוצלונג נסתלק ווערן. אַ רב פון אַ היימיש פּויליש יידיש שטעטל, אַ גלייכער שטאָלצער ייד, פאַרוואָגלענדיק דאָ אין גלות־לאָנדאָן, און זעענדיק דעם ני־דריקן מצב פון די תלמוד תורות און ישיבות האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן בלב ונפש אין דער וויכטיקער אַרבעט און ממש מיט ליידיקע הענט אויפגעבויט צוויי מסודות, די באַוווסטע לאָנדאָנער „מסובתא" און דעם חדר „יסוד התורה" וווּ עס לערנען הונדערטער יידישע קינדער, ווי אין אַ טאָג שול, מיט דער אונטעריכט שפּראַך יידיש.

הערנדיק זיין באַ'טעמ'טן יידיש און מתוקותדיקייט פון זיין ריידן האָט מען פאַרשטאַנען ווי אַזוי דער תלמיד חכם האָט משיג געווען, פאַרוואָס דווקא אויף יידיש איז דעם קיום פון דער תורה און יידישקייט אַ געזיכערטער.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

### חזן אהרון פּאַלאַטניק ז"ל

חזן אהרון פּאַלאַטניק איז אין ווייטשעפּל געווען, נישט נאָר אַ גוטער און באַוווסטער שליח־צבור, דער אוקריינישער האַרציקער בעל ניגה און ליבלעכע פאָלקס־טימלעכקייט, נאָר אין דער נויטיקער שעה איז ער תמיד געווען דער וואָס האָט זיך געשטעלט בראש אַדורכצופירן אַ וויכטיקן כלל שליחות פונם צבור. עס זאָל ביי זיין אָפּלעבן דערמאָנט ווערן, אַז ער איז געווען דער פּרעזידענט פונם פינסקער יתומים פאַראיין און אויך איינער פון די קעמפער פאַר „חרם־דייטשלאַנד". עס געפינען זיך, ליידער, נישט מער אַ סך אַזעלכע וואַרעמע האַרציקע יידן. כבוד זיין אָנדענקן. ש.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאגס

**(אין בערנאַרד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)**

שבת, דעם 7־טן אָקטאָבער, „קבלת פנים" פאַר דעם באַקאַנטן ישראל זינגער און מוזיקער פרידמאַן־לבוב און זיין פרוי צפירה (די שוועסטער פון בן גריון).

שבת, דעם 14־טן וועט דער באַרימטער שרייבער פון ישראל אבגדור המאירי האַלטן אַ פאָרטראַג.

שבת, דעם 21־טן — פון אונזער יונגסטער פּראָזע און פּאָעזיע.
שבת, דעם 28־טן — דיסקוסיע פאַר די וואַלן צום קאָנגרעס.



## „פריינט פון יידיש לשון"

דינסטיק, 7.30, דעם 24־טן אָקטאָבער, אַ ליטעראַרישער אָוונט אין אַדלער הויז, אַדלער סטריט, א.1.

קומט האָט אַ גייסטיקע הנאה און שטיצט מאָראַליש און מאַטעריעל אונזער אַרבעט.

---


- ✱ אין חדר אריין . . 10 שילינג
- ✱ אין זכות פון די טעג . . 5 שילינג
- ✱ זינגענדע רעיונות . . 7 שילינג 6 פּענס
- ✱ די גאולה שעה . . 7 שילינג 6 פּענס
- ✱ וויזיאָנען און אידעלשטיינער . . 1 פונט (אין דריי טיילן, אילוסטרירט)

די ביכער צו באַקומען דירעקט פון מחבר:—
MOSHE OVED, 26 *Museum Street, London, W.C.1.*

---

„די צייט"
געגרינדעט אין 1913 פון
מאָררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)


די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטאָג, דעם 29־טן אָקטאָבער
אין לאָקאַל פון
**„בן-אורי" קונסט גאַלעריע**
14 פּאָרטמען סטריט וו.1.
**לכבוד משה עובד'ס יובל**
דאָקטאָר דימאַנט, י. ביעטש, נ. רובין און שלמה אויערבאַך.
פאָרזיץ: א. נ. שטענצל.
איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער

---

דער אַרטיקל פון דאָקטאָר דימאַנט איבער די ישראל־טענצערין תהילה רעסלער און איבער דעם ישראל־זינגער אורי צפרוני, קומענדיקן חודש.

---

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעם און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון אונזער סעקרעטאַר:
N. RUBIN, 193 Evering Road, Upper Clapton, E.5.

**ווערט א מיטגליד פון פריינט פון יידיש לשון!**

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11 (העפט 130) עלפטער יארגאנג נאוועמבער 1950 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאלט:

אין לעצטן מאמענט!.........** 1
דער קאנגרעס באשליסט... (נישט־פארטיי פאליטישע באטראכטונגען)..........אליהו פאלושאק 3
סף־הכלען און אויסבליקן..........דר. יעקב י. מייטליס 7
ווי אזוי מען האט זיך אויסגעזעצט (המשך קאפיטל פון ראמאן שבעה)..........לעא קעניג 15
רחל די חלות (דערציילונג)..........מארקס קאהען 19
א פענסטער אין שארדיטש (רעמיניסענצן)..........בן־א. סאבאטשעווסקי 24
אין ווינט און אין רעגן, רבי מאירס געבעט (לידער)..........א. נ. שטענצל 29
משה עובד דער באזינגער פון מיסטעריען..........יוסף הלל לעווי 34
דער באשאפער שרייט אויס (רעצענזיע)..........מאטעס דייטש 40
פיינע בילדער אויסשטעלונג פון א באשיידענעם קינסטלער..י. א. ליסקי 43
א יידישע חתונה (בילד)..........נאטאן הענדל 45
קורץ־פרייטיק אויף א ברית (פאלקלאר־מעשה)....יחזקאל נח ערלעכמאן 46
דער ליטעראַרישער קאנצערט פון „פריינט פון יידיש לשון“
דער קאנצערט פון שולמית בן־יחיא..........ש. 47
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס.......... 48

**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנעמענט־פרייז: —19/6 פאר 8 יאר

אין אויסלאנד: —5 דאלאר א יאר

1/9 פאר א פראבע נומער

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

# CAMEO CORNER

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*